בס"ד

גליון ל"ז

גליון מיוחד




# הסבא קדישא מראדשיץ



יצא לאור ע"י
ישיבה ומתיבתא "תורת אמת" ד'ראדשיץ

שמו הק' של הסב"ק "ישכר בער" בגימטריא במספר קטן "19"

"ובדבר ישועה" בגימטריא "ראדשיץ"

## מתולדותיו

דער צדיק רבי ישכר בער זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ה און איז נפטר געווארן ח"י סיון תר"ג.

זיין פאטער רבי יצחק זצ"ל איז געווען דער משמש פונעם הייליגן מגיד פון מעזריטש זי"ע. עס איז באקאנט אז דער מעזריטשער מגיד האט אויפגעהאדעוועט ביי זיך אין שטוב א יתומה, ווען זי איז עלטער געווארן האט דער מגיד געבעטן פאר זיין משמש רבי יצחק זאל זיך מיט איר משדך זיין און איר נעמען פאר א פרוי. פאר ר' יצחק האט נישט אזוי געפאלן וואס זיין רבי האט אים געבעטן. "רבי, איך האב אייביג אויסגעהערט וואס דער רבי האט מיר געבעטן צו טוהן, אבער וויאזוי קען איך חתונה האבן מיט אן ארימע מיידל א יתומה, דאס וועט דאך זיין א גרויסער בושה פאר מיר?" האט דער הייליגע מגיד געענטפערט: "איך זאג דיר אז זי איז גאר א ספעציעלער פרוי, וואס דו דארפסט זיך בכלל נישט שעמען חתונה צו האבן מיט איר, און אויסער דעם זאג איך דער צו, אז אויב וועסטו מיט איר חתונה האבן וועט איר זוכה זיין צו א זון וואס וועט באלייכטן די גאנצע וועלט, און דו זאלסט אים א נאמען געבן נאך מיר". דער זון איז געווען דער הייליגער ישכר בער פון ראדשיץ זי"ע!

שוין אלס יונג קינד האט זיך אנגעזען אויף דעם קליינעם ישכר בער אז ער באזיסט גאר א הויכע נשמה, שוין אזוי יונג ווי 7 יאר איז ער יעדן פארטאגס געגאנגען צום קאלטן טייך אין זיך גע'טובל'ט אין מקוה, אכטונג געבענדיג אז קיינער זאל נישט געוואויר ווערן פון זיין מנהג און ער פלעגט מיט גיין מיט זיינס א חבר יעדן צופרי זיך טובל'ען אין טייך. איינמאל איז געווען גאר א קאלטער וועטער און דאס וואסער איז געווען אייז קאלט, וויפיל ר' ישכר בער האט געבעטן פונעם חבר זאל זיך נישט טובל'ין ווייל עס קען אים שאטן צום געזונט האט עס נישט געהאלפן, און ער האט זיך יא גע'טובל'ט און דער חבר איז טאקע שטערבליך קראנק געווארן דערפון. ווען ר' ישכר בער האט דאס געהערט האט ער זיך איינגעשפארט אין א צימער, און אנגעהויבן צו וויינען און בעטן ביים באשעפער זאל אויסהיילן זיין חבר, נאך א לענגערע ווילע האט ער אנגעפילט א גאנצער טעלער פון טרערן וואס ער האט געלאזט פאלן בשעת'ן וויינען, און דאס האט ער געגעבן צו טרינקן פאר זיין חבר וועלכער איז תיכף דערנאך גענצליך געזונט געווארן!

דער הייליגער תפארת שלמה פון ראדאמסק פלעגט רופן דעם ראדשיצער מיטן טיטל "דער צווייטער בעל שם טוב". ער איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, דער קאזניצער מגיד זי"ע, דער אפטער רב זי"ע, רבי משה לייב מסאסוב, דער יוד הקדוש פון פשיסחא זי"ע, און רבי מנחם מנדל מרימינוב. איינער פון די צדיקים האבן עדות געזאגט אויפן ראדשיצער אז "ער האט דער כח מחיה מתים צו זיין!".

מערסטנס טייל פון זיין לעבן איז דער צדיק געווארן דער אב בית דין אינעם שטאט ראדשיץ. ער איז ברייט באקאנט געווען מיט זיין אוסטערלישע בקיאות און חריפות וגאונות בכל התורה כולה. עטליכע יאר נאכ'ן ווערן רב אין שטאט ראדשיץ האט ער באקומען א פארשלאג פון א גרויסער קהלה פונעם שטאט ניישטאדט צו קומען איבערנעמען דאס רבנות שטול אין שטאט. די ראשי הקהילה האבן אים פארגעשלאגן א גרויסער געהאלט, ער זאל נישט האבן קיין שום דאגת פרנסה, דאס איז אויסער דער פאקט אז עס איז פיל א גרעסערע קהילה וואו ער וועט פיל מער קענען אויפטוהן. דער ראדאשיצער זצ"ל האט אנגעפרעגט ביי זיין רבי'ן וואס צו טוהן, און ער האט אים באפוילן "שב ועל תעשה עדיף" - "דיין ליכטיגקייט וועט שיינען דווקא פון ראדשיץ". און אויפן נאמען פון דעם שטאט "ראדשיץ" איז זיין נאמען טאקע איבערגעבליבן עד היום הזה.

דער הייליגער ראדשיצער זי"ע איז געווען באוואוסט אינעם גאנצן לאנד אלס גרויסער פועל ישועות ווען טויזנטער האבן געשטראמט צו זיין טיר פאר כל מיני ישועות ורפואות. יעדער איד האט ביי דעם צדיק געטראפן אן אפענעם טיר, און יעדער איז ארויס א געהאלפענער. אויסער זיין מעגליכקייט צו זען זאכן וואס דער געוועגליכע פליישיגע אויג האט נישט געקענט זען און פשוט'ע מח האט נישט געקענט באגרייפן, איז ער געווען באקאנט מיטן מענטש'ס מצב, און אזוי ארום האט ער טאקע געקענט העלפן אזויפיל אידן.

עס איז באקאנט אז דער הייליגער ראדשיצער זי"ע האט אסאך עוסק געווען אין מקרב זיין פארבלאנדשעטע נשמות לאביהם שבשמים, און געווידמעט א גרויסער טייל פון זיין לעבן דערפאר, ווי אויך פלעגט ער פראווענען אסאך אפענע מופתים נאר כדי צו איבערצייגן אזעלכע אידן עס איז פאראן א באשעפער אויף די וועלט, און ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען פאר דעם.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.



## מעיינות החסידות

ניצוצי אור מתורת והענינים מרבינו הסבא קדישא זצוקללה"ה

**היות עס איז פארהאן ווייניג תורות פונעם הייליגן ראדשיצער זצ"ל ברענגען מיר אראפ געציילטע געקליבענע תורות:**

**תם מה הוא אומר מה זאת ואמרת אליו בחוזק יד הוציאנו ה' ממצרים מבית עבדים.**

"זאת" רומז לקדושה כדכתיב (ויקרא טו ג) בזאת יבא אהרן אל הקודש, והיינו הצדיק ההולך בתמימות שואל "מה זאת" האיך אפשר איש קרוץ מחומר לבא לזאת המדריגה ולכנוס אל הקודש פנימה, ואמרת אליו הלא גם במצרים היו בני ישראל משוקעים במ"ט שערי טומאה ר"ל ועל ידי אתערותא דלעילא הקדוש ברוך הוא ברוב רחמיו הוציא אותם בחוזק יד מן הטומאה והכניס אותם ברגע חדא לקדושה, אם כן גם עתה אם אדם מכין עצמו לעבודת הבורא יתברך ופותח פתח כחורה של מחט אזי מאיר הקב"ה עליו אור ממרום ופותח לו פתח כפתחו של אולם, עכלה"ק.

**הנרות הללו קודש הם ואין לנו רשות להשתמש בהם, אלא לראותם בהם בלבד כדי להודות ולהלל לשמך הגדול וגו'.**

א נשמה פון א איד ווערט אנגערופן "נרות", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "נר השם נשמת אדם". "הנורת הללו" די אידישע קינדער, "קודש הם", זענען זייער הייליג, ווייל זייער שורש קומט פון כסה הכבוד, "ואין לנו", "לנו" באטרעפט 86, און "אלקים" באטרעפט אויך 86, און דאס ווארט אלקים איז מדת הדין, און דאס איז "ואין לנו רשות להשתמש בהם", אז עס איז נישטא קיין רשות פארן מדת הדין צו זיך באנוצן מיט די אידן, נאר פארוואס דען איז דא די מדת הדין? כדי די אידישע קינדער זאלן זעהן ווי די גוים ווערן געמשפט דורך מדת הדין. איז "אלא לראותם בהם בלבד", כדי צו זעהן וואס די אויבערשטער טוט מיט די רשעים, און אז מיט אונז אידן טוט די אויבערשטער נאר מדת החסד און מדת הרחמים וועט ארויס קומען די ציל פאר אידישע קינדער, אז די מדת הדין איז נאר באשפען געווארן "כדי להודות ולהלל לשמך הגדול, עכד"ק.

(קדושת ציון, בשם הסבא קדישא)

(המשך על דף ד')

# ליקוט מאמרים
## בעניני יומא דהילולא קדישא בצדיקים

### קבר צדיקים הוא מקום קדוש

**"מקום קדוש** (קבר אבות) גורם שתהא תפילתו נשמעת" (מובא בשו"ת מהר"ם בר' ברוך מרוטנבורג, דפוס לבוב, סימן קסד). **"דבבית הקברות מקום מנוחת הצדיקים**, ומתוך כך הוא **מקום קדוש וטהור**, והתפילה נתקבלה ביותר על **אדמת קדש"**. (מהרי"ל, מנהגים, הלכות תענית, יח.)

### תפילה על קברי צדיקים יכולה לבטל גזרות

**תלמוד בבלי, סוטה יד א', בהגהות הב"ח:**

אמר ר' חמא בר חנינא: מפני מה נסתתר קברו של משה מעיני בשר ודם? מפני שגלוי וידוע לפני הקב"ה שעתיד ביהמ"ק ליחרב ולהגלות את ישראל מארצם, שמא יבואו לקבורתו של משה באותה שעה ויעמדו בבכיה ויתחננו למשה ויאמרו לו: משה רבנו, עמוד בתפילה בעדנו! ועומד משה ומבטל את הגזרה, מפני שחביבים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם.

### בקברי הצדיקים מצוי השפע הא-להי

"ולפיכך בהמצא לנביאים והחסידים בדורות, יהיה השפע שופע עליהם, ובאמצעותם אפשר שיהיה שופע על כל המוכנים מבני דורם, וכל שכן לאותם שהם מתקרבים אליהם ומשתתפים עמהם. **ולא בחייהם בלבד, כי גם אחרי מותם, מקומות קברותיהן ראויין להמצא השפע שם בצד מן הצדדים**, כי עצמותיהם אשר כבר היו כלים לחול עליהם השפע האלוהי, עדיין נשאר בהם מן המעלה והכבוד שיספיק לכיוצא בזה. ומפני זה אמרו רז"ל שראוי להשתטח על קברי הצדיקים ולהתפלל שם, כי התפילה במקום ההוא תהיה רצויה יותר, להמצא שם גופות אשר חל עליהם כבר השפע האלוהי."

(וראה גם ספר החינוך, מצווה רסג.)

### מנהג לצאת להתפלל בבית הקברות

שו"ת תורה לשמה סימן תצג ד"ה תשובה כתב

**תשובה כתב רש"י ז"ל בגמרא דיבמות דף קכ"ב ע"א בד"ה תלתא רגלי וז"ל ובתשובת הגאונים מצאתי כל הני ריגלי דאמוראי היינו יום שמת בו אדם גדול קובעים אותו לכבודו ומדי שנה בשנה כשמגיע אותו יום מתקבצים ת"ח מכל סביביו ובאים על קברו עם שאר העם ולהושיב ישיבה שם עכ"ל הרי יש נחת רוח לנפטר בזה הלימוד שלומדים על קברו ביום שנפטר בו ואה"נ כל אחד ישיג נחת רוח כפי ערכו ומינה תדעו כי הרוצה להשתטח על קברי הצדיקים ודאי יש עדיפות טפי ללכת על קברם יום פטירה שלהם שהוא יומא דהילולא וללמוד שם איזה לימוד ואעפ"י שאינו יום ער"ח ולא יום ט"ו לחודש.**

...וכדי שתדעו המעלה והיתרון שיש ליום שנפטר בו הצדיק אשר על כן קורין אותו יומא דהילולא אעתיק לכם לשון רבינו האר"י זצ"ל אשר בשער טעמי המצוות הנמצא אצלינו בכ"י המדבר בענין זה וז"ל הנה נתבאר בזוהר בפ' ויקהל דף רי"א ע"ב כי כשנפטר הצדיק מן העוה"ז תיכף בפעם ראשונה שעולה נשמתו למעלה למקום הראוי לה מעורר זווג זו"ן והוא מעלה מ"ן מלמטה למעלה ומזדווגים יחד וכו' וענין העלאת מ"ן האלו נתבאר היטב בפ' ראה במצות זכירת יציאת מצרים וע"ש היטב היכן מעלים אותם גם הנפש של הנפטר בעצמו היא העולה בסוד מ"ן ודע כי בפעם ההוא הראשון שעולה אחר פטירתו אז הוא גורם זווג כולל ר"ל שמזדווגים זו"ן בבחינת כל העולמות כולם וכולם מקבלים שפע מן הזווג ההוא אבל אח"כ משם ואילך אינו עושה זווג כולל אלא בבחינת מקום אחיזת שורש נשמתו לבד ואם יהיה צדיק גמור בתכלית כמו מרע"ה אפשר שיגרום זווג תדירי כולל תמיד והנה זה בענין הנפש כי היא נעשית מ"ן לזווג זו"ן אבל מי שיש לו בחי' נשמה ג"כ הנה יעורר ב' מיני זווגים כי עם נפשו יעורר מ"ן לזווג זו"ן ועם נשמתו יעורר זווג עליון דאו"א ושם יעלה נשמתו בבחי' מ"ן וכו' עכ"ל.

**שו"ת עטרת פז חלק ראשון כרך א - או"ח סימן י ד"ה עכ"פ חזינן**

...בשו"ת שדה הארץ (חאבהע"ז, סי' יז) הביא את דברי הבתי כהונה וכתב, **דלעולם אפ"ל דההשתטחות על קברי צדיקים הוא דבר מצוה כי עי"ז זכותם יגן עליו וימלא משאלותיו לטובה**, וכדמצינו בסוטה (לד, ע"ב) בכלב בן יפונה שהלך לחברון להשתטח על קברי האבות, והגינו עליו שלא יתערב בעצת המרגלים כמו תפילת מרע"ה על יהושע. **וכבר העיד רבינו האר"י (שער רוה"ק דף כו, ודף לח), כי בהשתטח האדם על קברי הצדיקים ובפרט אם יודע לעשות יחוד השייך לאותו צדיק, תהיה לו נשמת אותו צדיק עזר וסיוע גדול....**

**שו"ת "קול מבשר" חלק ב סימן ז**

יש מתנגדים למנהג שנוהגין להתפלל על קברי צדיקים. אבל באמת אמרו בגמרא סוטה דף ל"ד ע"ב על כלב שהלך ונשתטח על קברי אבות שיבקשו עליו רחמים שינצל מעצת מרגלים, ובמס' תענית דף כ"ג סוף ע"ב ר' מני ברי' דר' יונה הוו קא מצערי ליה דבי נשיאה אישתטח על קברא דאבוה אמר ליה אבא אבא הני מצערו לי וכו' עיי"ש ובחגיגה דף כ"ב ע"ב הלך ר' יהושע ונשתטח על קברי ב"ש אמר נעניתי לכם עצמות ב"ש וכו', וביומא דף פ"ז סוף ע"א והובא לפסק הלכה בש"ע או"ח סי' תר"ו ס"ב ובש"ע חו"מ סי' ת"כ סל"ח אם מת אשר חטא לו מביא י' בני אדם ומעמידם על קברו ואומר חטאתי לאלקי ישראל ולפלוני זה שחטאתי לו, ובמס' מכות דף ה' ע"ב גבי ר' יהודה בן טבאי שהרג עד זומם כל ימיו היה משתטח על קברו של אותו העד וכו' דלמא בדינא קם בהדיה אי נמי פיוסי פייסיה. מכל הנ"ל מבואר שיש התקשרות של נפש הנפטר עם קברו. וגדולה מזו מצינו בסנהדרין דף מ"ז ע"ב קבריה דרב הוו שקלי מיניה עפרא לאישתא בת יומא ופירש"י והן מתרפאין באותו עפר ועי' שם הגדולים ח"ב בערך פרי תואר שהלך עם הרב בעל פרי תואר על מצבות הצדיקים ועל מצבת הרב פרי חדש נשאר הרב הנ"ל יחידי

כמו רבע שעה וביקש מחילה ממנו על שהשיג על ספרו ועי' ש"ע או"ח סי' תקס"ח ס"י הנודר ללכת על קברי צדיקים וכו' עיי"ש. והחתם סופר ח"ו סי' ל"ז העיד שהגאון ר' מרדכי בנעט זצ"ל ציוה קודם הסתלקותו שאם יצטרכו איזה דבר ישתטחו על קברו. וראיתי שנדפס מכתב הגאון ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל מפראג לקהל מיץ אחר שנבחר שם לרב אב"ד והוא מיום ט"ו סיון תק"א שהתנצל על דחיית זמן בואו לקהלתם וז"ל ויש עלי חובת גברא לילך למדינת מעהרין קצה ארץ שלעזיא להשתטח על קברות אבותי בעיר אייבשיץ והם יבקשו עלי רחמים. ובשו"ת חת"ס חלק ששי סי' ד' כתב שבית הקברות דומה לבית הכנסת כיון שרגילים להתפלל שם על החיים, ועיין בספרי שו"ת קול מבשר סי' י"ד.

## מנהג השתטחות על קברי צדיקים

כידוע מנהג רווח אצל רבים ללכת להשתטח על קברות צדיקים, והפעם ננסה להסביר את שורשי המנהג. בתלמוד מסכת ברכות (יח, ב) מבואר, שצדיקים גם לאחר מותם קרויים חיים. שלא כמו הרשעים שכל חייהם עסוקים בהנאות חולפות, הצדיקים מקדישים את חייהם למען ערכי התורה האלוקית. וכשם שהתורה וערכי המוסר האלוקי נצחיים, כך גם הצדיקים זוכים להתקשרות עם הנצח, ולכן גם לאחר מותם הם נקראים חיים. ואף אנו נתבעים להחיות את צדקותם ופועלם על ידי המשכת מורשתם הרוחנית. והזכרון הזה אינו תלוש, ערטילאי, אלא הוא צריך להיות ממשי, ולכן הקבר שבו טמון גופו של הצדיק, שעל ידו חי ופעל בעולם הזה, הוא הציון והזכרון שלו, וכדי להתקשר ולשמר את מורשתו, נוהגים ללכת לקברי צדיקים.

במיוחד נשתרש בכל ישראל מנהג לבקר בקברי האבות, ובקבר רחל אמנו ויוסף הצדיק. וכן מסופר על כלב בן יפונה, שהלך להשתטח על קברי האבות בחברון, כדי שבזכותם יינצל מעצת המרגלים (סוטה לד, ב). וכן מבואר בתלמוד מסכת תענית (טז, א), שבימי התענית אחרי התפילה נוהגים לילך לבית הקברות. ושני טעמים נאמרו לכך, הראשון, לזכור את יום המיתה ולהתעורר על ידי כך לתשובה, ולומר לפני הקב"ה הרי אנו חשובים כמתים. והטעם השני, כדי שיבקשו עלינו רחמים. וכן נפסק למעשה בשולחן ערוך (תקעט, ג; תקפא, ד).

אמנם, ישנה בעיה קשה. בין המוני העם ישנם שטועים וחושבים, שהתפילה על קברות הצדיקים פונה אל הצדיקים עצמם, ונמצא ששוגים בטעות החמורה של עבודה-זרה. שהרי כל יסוד אמונתנו הוא שה' אחד, ואין עוד כוח בלתו, ורק אליו יש לפנות בתפילה, ואיך יעלה על הדעת לפנות בבקשה אל המתים. ומחמת החשש הזה, היו מגדולי ישראל שלא עודדו את הליכת ההמונים לקברי צדיקים.

ולמעשה ישנן שתי דעות מהו הנוסח הראוי לתפילה ליד קברי צדיקים. לדעת המהרי"ל וחיי-אדם (באר-היטב תקפא, יז; ח"א קלח, ה), התפילה ליד קברי הצדיקים צריכה להיות מכוונת אך ורק אל הקב"ה, ורק לבקש שבזכות הצדיקים שהננו מתקשרים למורשתם, ישמע ה' בקשתנו. אולם לדעת הרבה פוסקים (פמ"ג תקפ"א; מהר"ם שיק או"ח רצג) מותר אף לפנות לנשמות הצדיקים שהננו מתקשרים למורשתם, שיבקשו עבורנו רחמים לפני הקב"ה. ולדעתם מאחר שבתפילה עצמה אנו מבקשים שהצדיקים יתפללו אף הם לקב"ה עבורנו, ברור שהננו מודים ומאמינים שרק ביד ה' הננו נתונים, אלא שאנו מבקשים שגם הצדיקים יתפללו בעדנו (עיין שו"ת מנח"י ח"ח, נג).

## האם מותר לכהנים להיכנס למערת המכפלה, קבר רחל, ציון רשב"י במירון ושאר קברי צדיקים?

על-פי הקבלה "צדיקים אינן מטמאין", כי גם גופם טהור והקשר שלהם עם הנשמה נצחי. אך **להלכה ולמעשה**, רוב הפוסקים אוסרים על הכוהנים להיטמא לקברי צדיקים. אולם כשיש נימוקים נוספים להיתר, רבים מהם מצרפים אותם כדי להתיר השתטחות על קברי צדיקים, "שהיא מצווה גדולה ומעלה רבה".

כשכוהנים עוברים בבית-עלמין, חובה לשמור מרחק של ארבע אמות (כשני מטרים) מכל קבר, וכמובן לא להיכנס תחת עץ או גג המאהיל עליו.

בשאלה בעניין קברים מסויימים, אם הם בנויים בדרך שמתירה לכוהנים להיכנס למבנה שעליהם (כמו במערת המכפלה, שהאולם אינו על הקברים עצמם אלא על המערה שעליהם, שיש לה פתח מן-הצד) - יש לברר מסורות נאמנות על כל קבר בנפרד. כאן נעסוק בשלושה: מערת המכפלה, קבר רחל וציון רשב"י במירון.

ויש פוסקים שאוסרים. לעומת זאת, בידי משפחות כוהנים רבות בירושלים (מכל העדות) וכן בספרים רבים מצויות מסורות להתירם. המקובל הירושלמי רבי שאול הכהן דוויק זצ"ל נהג להיכנס לבניינים שמעל הקברים הללו, ובעקבותיו נהגו כן רבים.

וכן נהגו רוב האדמורי"ם, חסידים ואנשי-מעשה.

(אבני נזר חו"מ סי' מ"א)

בנידון אם להעמיד קופה של צדקה בתוככי ציון הקדוש מראדשיץ, וז"ל: כי הבאים להשתטח על קברי הצדיקים, היינו לבקש רחמים בזכות הצדיק... ובוודאי זכות הצדיק מגין יותר למטיב עמו וכו' וממילא כשמפרנסין לבניו הוא הטבה עם הנפטר, וזכות הצדיק מגין יותר עם המטיבין, וע"כ יש להעמיד קופת צדקה בתוך האוהל עבור נכדו עכלה"ק, וק"ו בן בנו של ק"ו כשהמדובר הוא אודות מקום תורה שנקראת על שמו ובוודאי יש לו להצדיק מזה נחת רוח בגנזי מרומים, שכל ימיו היה הצדיק משתוקק ע"ז, כמו שהבטיח לבנו הרה"ק ר' מאיר זצ"ל **"אז די וועסט מיר העלפען פאר א מקום תורה וועל איך דיר מכיר טובה זיין"** עכדה"ק.



מצבת של רבי מאיר זצוקל
בנו של הסבא קדישא

(המשך מדף א')

**וישם לפניו לאכל ויאמר לא אוכל עד אם דברתי דברי ויאמר דבר ויאמר עבד אברהם אנכי וגו'**
**(בראשית כד לג)**

הענין בזה כאשר צוהו לאכל עדיין לא התפלל, וידוע שאליעזר עבד אברהם אשר חז"ל כתבו עליו שנקרא צדיק (ב"ר נט ח) וגם כתבו ז"ל (שם) המושל בכל אשר לו שהיה שליט ביצרו כאברהם, ודאי היה מקיים התורה ודקדוקי מצות כמו שהיה מורגל בבית אדונו אברהם, ובטח לא אכל קודם התפילה מא שאדונו אברהם היה הראשון ממתקני התפלה, לכן כאשר היכינו לפניו הסעודה ובקשו ממנו שיאכל השיב להם תיכף לא אוכל עד אם דברתי דברי, היינו עד שאתפלל מקודם. ויאמרו דבר, וכמה צריך לשהות על זה תתפלל מהר ואכול וסעד לבך. ויאמר עבד אברהם אנכי, ולזה לא אוכל להתפלל במהירות רק במתינות ובהכנת הלב מקודם כי כן ראיתי אצל אדוני אברהם עכל"ק.

**ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך**
**(משפטים כג כה)**

פעם אחת שאל איש אחד ממקורביו ששימש אותו תמיד איזה סגולה על פרנסה, והשיב לו רבינו הסבא קדישא שזה הסגולה מרומז בתורה ועבדתם את ה' אליקכם וברך את לחמך וכו', ועבדתם את ה' אליקכם זו תפלה (תענית ב ע"א), וכתיב בלשון רבים היינו תפלה בציבור, ועל ידי זה וברך את לחמך וכו' היא פרנסה וגם לרפואה כדכתיב והסירותי מחלה מקרבך.

במס' יומא (פה ע"ב) **האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה.** יש לרמז בזה עד היכן גדולה כחה של תשובה שאפילו יחטא האדם במיזד ושאט נפש ואינו רוצה לעשות תשובה, אף על פי כן אחר כך יעלה בלבו הרהורי חרטה ויחזור בתשובה שלימה באמת, יעלה תשובתו לרצון לפני אדון כל, כי שערי תשובה לא ננעלו. וזהו האומר אחטא, שאומר בפה מלא שרוצה לחטוא במיזד, ואשוב אחטא, ואומר ששוב יחטא עוד הפעם להיות שונה בחטאו, ואשוב אין, שאומר, איני רוצה אפילו לעשות תשובה, עם כל זה מבטיח לו הקב"ה מספיקין בידו לעשות תשובה, שאם רק ישוב מיד מקבלו הקב"ה, כי אין לך דבר שעומד בפני התשובה.

---

## ענינים שונים

### נסיונות

### א.

דרכו של רבינו הסבא קדישא טרם התגלותו לכתת רגליו אל צדיקי הדור זי"ע שהיה דבוק בהם, ולבלות משך רוב השנה אצלם, לקיים בכל מאודו ונפשו הכתוב (דברים י כ) ובו תדבק, ומעט היה שבתו בבית. פעם אחת בעת הליכתו לקבל פני רבו הקדוש מלובלין זי"ע אפס כספו המעט שלקח עמו בדרך וגם צדה לא היה לו, ועברו כמה ימים שלא טעם שום דבר מאכל, כי דרכו בקודש היה שלא להתנצל ולהגיד לשום איש ממצבו, אפילו בדבר שהיה נוגע לסכנת נפשות ממש ר"ל, רק היה מקבל הכל באהבה מגודל אמונתו ובטחונו בהשי"ת שהכל הוא בהשגחה פרטית כידוע, ויהי באמצע הדרך בעת שגדלה עליו חולשת הלב מאד מצא אזור עור ובו כיס עם מעות הרבה, בעת מצאו היה נסוך ברעיונותיו ולא ידע מה לעשות עם המציאה הלז כי היה יכול לפטור הלחץ זו הדחק מביתו כרגע, וחשב זמן מה לקחת הכסף אם לא, עד שגמר בדעתו ליקח מהכסף רק כדי מזון סעודה אחת ולא יותר, להחיות נפשו אשר היה תלויה אז בחוט השערה, והכיס עם המעות הנשארים השליך תיכף בחזרה, כי ירא היה לקחת הכסף ירים לבבו מזה כמאמר הכתוב (דברים ח יד) ורם לבבך ושכחת, ותלהבטחונו החזק בהשי"ת שלא יעזבהו הלאה.

### ב.

רבינו הסבא קדישא בימי חורפו בעת שהיה דר בחמעלניק וסבל אז דחקות גדול ר"ל כידוע, ומחמת שהליכתו בקודש היה בהצנע על כן לא הכירו אותו אנשי מקומו לאיש קדוש, רק החזיקוהו לאיש פשוט ובטלן, ובכל יום היה דרכו להשכים ולילך מחוץ לעיר אל הנהר לטבול שמה. פעם אחת בעת הליכתו לטבול כדרכו פגע בדרך בערל קטן שאין בו דעת להבחין, ובידו כלי עם דנרי זהב והיקש עם הכלי, ונגש אליו הערל ואמר לו יהודי תקנה זאת, ושאלו רבינו הסבא קדישא במא אתה רוצה בעד זה, והשב לו הקטן בעד עשרה גדולים אמכור לך, והשווה עמו על חמשה גדולים אשר היו אז כל רכושו, וקנה המציאה הלז ושמח עם הקניה הזאת אשר היה יכול להתעשר מזה עד דורי דורות, אבל בתוך כך התיישב בדעתו ואמר על עצמו "בעריל בעריל" הבעל דבר השיגוך מעתה אינך צריך להתפלל וללמוד עוד רק תהיה טרוד בכספך, וחשב זמן מה לעשות עם הדנרי זהב ולבו ובטחונו חזק בהשי"ת מנעו מלקיימן אצלו, ורצה גם כן שלא יזכה ערל אחר בכסף. וגם שלא ירגיש שום איש ממנו איך שכבר קנה והתחרט בו, על כן קרא את הערל ההוא אליו ואמר לו שהוא צריך לה' הגדולים שנתן לו ויעץ לו שיילך ליהודי אחד שדר בשוק פלוני והוא יקנה אותה בבירור, והלך הערל אל היהודי הלז אשר היה עני מדוכה ר"ל וקנה המציאה הזה ונתעשר מזה הוא ובניו כמה דורות ועד היום המה עשירים מדנרי הזהב האלו.

### אבות

מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי. דקשא דהיתכן דאנחנו פחותי ערך נרצה לדמות למעשי האבות הקדושים, דמבואר דאין קורין אבות אלא לשלשה (ברכות טז:), אך דבאמת האבות תיקנו ועבדו בעד כל הנשמות ובעד כל בני ישראל מה שיצטרכו לעשות עוד, אך באם היו מתקנים הכל לא היה אחר כך מה לעבוד עוד, והיה נהמא דכסופא, ועיקר ביאת הנשמה לעולם הזה הרי הוא שלא יהי' נהמא דכסופא, דהרי הנשמה מתחלה הי' אור גדול בגבהי מרומים, ורק למעשה ידיך תכסוף, שלא יהי' נהמא דכסופא ולכן הוצרכו האבות להניח מעט להבנים שיצטרכו לעבוד בעצמם גם כן, וזה מתי יגיעו מעשי ויצטרפו לעיקר מעשי האבות שכבר עבדו שיהי' זע המעט ראוי על כל פנים להצטרף עם מעשי האבות עכ"ד קדשו ז"ל.

## פרנסה

**א.**

לפני התגלות מרן רבינו הסבא קדישא היה ביתו מעונה בדחקות גדול, פעם הציקתו מחברתו הרבנית עד מתי נסבול חרפת רעב הלא אין בכחי לנתר את רגלי, השיב לא רבינו זצ"ל ומה יש לי עצה לעשות, אמרה עצתי היא כאשר נשמע שבעיר ווארשא יש אשה עשירה ושמה טעמירל והיא נותנת משרת פרנסה לכל האנשים תמימי דרך והלא גם אתה איש תם וישר תסע אליה ותתן גם לך איזה משרה שממנה נוציא פרנסתנו, תשכים בבוקר ולאחר התפלה תשים לדרך פעמיך. הסכים לדבריה ובבוקר השכם עמד להתפלל וגמר תפלתו לפנות ערב כדרכו בקודש, צעקה הרבנית ומה יהיה מזה הלא בלילה אין דרך לנסוע, אין עצה כי אם ישאר הדבר על מחר ותעמוד להתפלל עוד במוקדם יותר, ואמר שבמכיון יהיה ניעור כל הלילה כדי שיוכל להתפלל בהשכמה יתירה, וכן עשה אבל גמר תפלתו עוד יותר באיחור מיום אתמול, וכאשר התחילה עוד להתרעם, השיב לה הלא אמרת שטעמירל נותנת פרנסה לכל האנשים המהוגנים ולא נשאר על השי"ת כי אם אנחנו שנינו, ואם טעמירל יכולה לפרנס כמה וכמה אנשים הלא השי"ת מלא כל הארץ כבודו ביכלתו לפרנס לשני אנשים כמונו, והשתיק אותה בדברים האלו עד שהודותה לדבריו הקדושים.

## התקשרות לצדיק

**א.**

מרגלא בפומיה המעשה מהרב הקדוש ר' חייקא המדורא זלה"ה שעשה בעצמו כמה סיגופים להתענות משבת לשבת כמה פעמים, ואלף לילות היה ניעור משנתו ללמוד כל הלילה, ועם כל זאת לא נגמר תיקונו עד אשר בא להרב הקדוש מו"ה ר' דוב בער ממעזריטש זלה"ה על שבת כידוע.

**ב.**

עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות שנאמר (משלי ח כא) להנחיל אוהבי יש (סוף עוקצין), ואמר הרה"ק הרבי ר' ישכר בער מראדשיץ זצוק"ל, מה להם לצדיקים כל כך עולמות, אך כל צדיק וצדיק מביא את כל אנשי שלומו אליו וצריך עבורם הרבה מקומות עכדה"ק.

## כח הצדיק

**א.**

אמר רבינו זי"ע לאחד האברכים בזה"ל, אברך! זאת תדע כי זה הצדיק אשר מניח להאנשים שיקראו אותו בשם "רבי" מוכרח להיות לו כח שאפילו לאותן האנשים הנוסעים אליו מרחוק שתי מאות פרסה, שיקח אותם על כתיפיו שיהיו תחת השגחתו הן ברחניות והן בגשמיות, ובאים לאו אסור לו בפירוש שיניח לו להקרא בשם "הרבי".

**ב.**

מרגלא בפומיה דרבינו זי"ע, שמרגיש אני באיש הבא אלי מה שפגם ובאיזה אבר פגם מחמת שבאותו אבר שפגם, אותו אבר כואב לי מיד.

## מדרגת רבינו

**א.**

פעם אחת פתח רבינו הסבא קדישא את פי קדשו לתלמידיו הקדושים ושאל אותם שיאמרו לו מהותו, איש איש כפי חלקו שהוא מבין ומשיג את דרכי רבו, ויען הראשון ויאמר שהוא צדיק הדור, ושאלו הסבא קדישא בתמהון ויותר לא, ושאל להשני וענה לו שהוא גאון וצדיק אמתי, ושאלו גם כנ"ל. ושאל השלישי וענה לו שהוא קדוש עליון, ושאלו בתמהון כנ"ל. וכן שאל לרביעי וחמישי וכל אחד הפליג בשבחו יותר מחבירו, ככלותם לחוות דעתם בהשגת רבם הקדוש ושבחו, ענה רבינו הסבא קדישא ואמר להם תאמינו לי אחים יקרים אם לא הייתי עדיין במדריגה יותר גבוה ולא היה בי יותר רק כפי השערת והשגת דעתכם, הייתי קורע את עצמי כדג, והיה טוב לי יותר שלא נבראתי עכלה"ק.

**ב.**

פעם אחת כשהיו כל החברייא לפני הרבי מלובלין זי"ע וביניהם רבינו, הראה הרבי מלובלין על רבינו הסבא קדישא ואמר הראיתם האברך הזה שהוא מלא יצר הרע מכף רגל ועד ראש, וכשתמהו החבריה הקדושה על דברים אלו, גמר דבריו הקדושים "אבל אינו שומע לו אפילו כחוט השערה".

## מופתים

**א.**

אדמו"ר ה"תפארת שלמה" זצ"ל מראדאמסק שאל פעם אחת את רבינו הסבא קדישא למה לכם המופתים שאתם מראין להמון העם, יותר טוב היה לו למד רבינו דרך בחסידות לאברכים שצמאים לדבר ה' ולטהר נשמות ישראל, והשיב לו רבינו כי הוא נשלח לעולם הזה לפרסם אלקותו ית"ש בעולם.

**ב.**

סיפור הרה"צ מוה"ר טוביה זצ"ל אבד"ק בריגל, שהוא אכל שני שנים משלחן גבוה של זקינו הס"ק זצ"ל וראה בעצמו דברים נפלאים, וכן אמר ראיתי אצלו בעצמי כל שבחי הבעש"ט וגם שבחי ר' חיים ויטאל, כי באותן השנים שהיה אצלו גרש לערך ט"ו רוחות רעות ודיבוקים.

## פדיון נפש

טובה גדולה לאדם שרוצה להושע על ידי הצדיק שיתן לו ממון, אמר הרה"ק רבי חיים אשר זצ"ל הי"ד בשם זקינו רבינו הסבא קדישא שזהו כעין דאמרינן בגמרא (בבא מציעא לב.) אצל מצות פריקה וטעינה, הלך וישב לו ואמר הואיל ועליך מצוה, אם רצונך לפרוק פרוק פטור שנאמר (שמות כג ה) עמו, ועל דרך זה הוא כאן כשבא אדם לצדיק שיתפלל עליו והצדיק מחויב לרחם עליו ולהתפלל בעדו אבל האדם צריך גם כן לסייע לצדיק על זה, וזה נתינת ממון לו, שאז בנקל לצדיק ליתן דעתו עליו ולהתפלל בעדו.

והוסיף הרה"ק רבי חיים אשר זצ"ל הי"ד נתינת טעם על פי מה דאיתא בשו"ת מהרש"ל (סימן כ') ובאליהו זוטא על הלבוש (סי' נג יא) בענין שליח ציבור בר אבהן הוא קודם למיוחס כמו שכתב בזוה"ק (ח"ב קפד.) נהורא דנפיק מגו חשיכה נהיר טפי, ומה שאמרו ביצחק ורבקה אין דומה תפלת צדיק בן צדיק וכו' (יבמות סד.) היינו רק בחפצא דידה. ובזה יתבאר הכתוב (בראשית ל א-ב) אצל יעקב ורחל שאמרה לו הבא לי בנים והוא תמוה מאד וכי זו היא תשובה מצדיק שמקיים ואהבת לרעך כמוך ומשתתף בצער חבירו, אבל על פי הנ"ל ניחא שבאמת יעקב התפלל עליה ותשובתו אליה היה זה שמה שאביו נענה על רבקה והוא לא נענה עליה, היא משום דביצחק היה חפצא דידה אבל הכא לא היה חפצא דידה, ולכן הצדיק נוטל ממון עבור תפלתו דאז הוי זה חפצא דידה ולכן בנקל לו לפעול בתפלתו.

## קברי צדיקים

רבינו הסבא קדישא בעת נשואי נכדו אדמו"ר הרה"ק ר' הלל מ'ראדשיץ זצ"ל אשר היה בעיר פשעדבארז, ועל החתונה הזאת היו הרבה קדושי ארץ מתלמידי מרן הקדוש מלובלין זי"ע וידוע המנהג בכל תפוצו ישראל לילך על קברי צדיקים ביום החופה או קודם לו לשפוך לבם שמה בתחנונים, ויהי ביום החופה בבוקר היה קור גדול ויאמר מרן הרה"ק ממאגילניצא זצ"ל אל רבינו הסבא קדישא יען כי מנהג הוא לילך על קברי צדיקים ביום החופה, ופה בעיר מונח ידידכם מרן הרה"ק ר' ישעי'לי זצ"ל נכון היה שילך כבודו על קברו להתחנן שמה, והשיב לו רבינו בתמהון הכי אינכם יודעים מה שעושים אם קשה להיות על קברי הצדיקים אזי ממשיכין את נשמת הצדיק הנה, והרי הוא כאלו הלכנו על קברו.

## שפע של עושר

רבינו הסבא קדישא אמר על עצמו שניקל לו להושיע בתפלותיו לאיש הבא אליו בכל מיני ישועות מליתן עשירות לאחד, בשביל שבישועה זו צריך לפעול שתי פעולות, אחד להוריד השפעה בשבילו, וביותר הפעולה השניה לשמור אותו היטב שלא ירום לבבו עם הכסף, ושלא יעשה שום חטא עם הכסף, שאם יעשה איזה חטא בהם, יאמרו בשמים כי הוא החייב כי הוא גרם כל זה עכדה"ק.

## תפילת הרבי ר' אלימלך זי"ע

סיפור רבינו הסבא קדישא שבילדותו בעת שהיה אצל הרה"ק רשכבה"ג הרבי ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל ועמד לפני בית הרה"ק עם כמה חסידים מהחברייא קדישא שלו ודיבר עמהם, ובתוך כך ראו אנשים גבוהי קומה מאד שהלכו במהירות אל בית מרן הרה"ק מליזענסק, ובהגיעם אל פתח חדרו כפפו קומתם ונכנסו לתוכו, והרה"ק סגר הדלת ופניהם לא ראינו רק אחוריהם, וחכינו בחוץ עד צאתם כדי להכיר האנשים ההם, אבל מה נשתוממנו מזה שבעת צאתם מחדר הרה"ק שוב לא הספקנו לראות את פניהם רק אחוריהם ותיכף נעלמו מעינינו, ואז הבנו כי לא דבר ריק הוא, והוסכם בינינו לשאול את פי מרן הקדוש זי"ע, והלכו החסידים הזקנים ושאלו למרן הרה"ק זי"ע מזה, והשיב להם הרה"ק בלשון קדשו, כאשר ראיתי שרוב העולם אינם מכוונים בתפלתם כיאות, מקוטן השגתם ומגודל טרדת הזמן וטרדת וקושי הפרנסה אינם יכולים לכוון דעתם בכל התפלה, עלה על דעתי לתקן נוסחא חדשה וקצרה שיהיה שוה לכל נפש, והרגישו בזה האנשי כנסת הגדולה זי"ע ובאו הנה ובקשו ממני שלא לעשות זאת לשנות אפילו תפלה אחת מנוסחתם, והתיעצתי עמם ואמרו לי שאתקן תפלה קודם התפלה וזה יועיל בעזרת השם למי שאין ביכלתו לכוון בכוונות הראויות לכוון בכל התפלה, וזה הוא היהי רצון קודם התפלה שנדפס בסדורים מהרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע.

## סעודת מצוה

אמר רבינו הסבא קדישא, סעודת מצוה אפילו כשאוכלים דרך רעותניתא מתעלים כל הניצוצות.




# מופתים נפלאים



צוזאמענגעקליבן פון ספרי ׳נפלאות הסבא קדישא׳ און נאך ספרים ומקורות נאמנים

**פארוואָרט:**

ביי חסידים ואנשי מעשה מאז ומקדם איז געווען שטארק מפורסם שמו הקדוש והנורא פון דער הייליגער צדיק וקדוש עליון, איש אלקי ומופת הדור, מרן הרה״ק רבי ישכר בער "הסבא קדישא" מראדשיץ זי״ע, וועמען צדיקים און חסידים פלעגן רופן דער "צווייטער בעל שם"...

דער הייליגער סבא קדישא איז געווען באקאנט אין די גאנצע וועלט אלס א געוואלדיגער בעל מופת און פועל ישועות. טויזנטער אידן, ווי אויך צומאל להבדיל גוים, זענען געהאלפן געווארן ביי אים אויף גאר וואונדערליכע אופנים שלא כדרך הטבע. מען פלעגט זאגן ביי חסידים, אז "אין ראדשיץ וואלגערן זיך מופתים אונטער די בענק".

ער זעלבסט האט אמאל געזאגט פאר הרה״ק בעל תפארת שלמה זי״ע, אז ער איז אראפגעקומען אויף דעם עולם מפרסם צו זיין אז ס׳איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

אין ספר שפתי קודש ווערט געברענגט פון א חסיד אחד, וואס ער האט געהערט מפ״ק פונעם הייליגן ראדשיצער: "ביי מיר זענען דא מער מופתים אין א וואך ווי ביים בעשטה״ק אין עטליכע וואכן, דער חילוק איז נאר - האט דער הייליגער ראדשיצער אויסגעפירט בענות קדשו - "אז ביים בעשטה״ק איז דאס געווען מרוב צדקתו וקדושתו, און ביי מיר איז דאס בלויז ברחמי השי״ת..."

זיין נאמען איז שטענדיג געבליבן נקדש ונערץ ביי חסידים ואנשי מעשה אין אלע דורות שפעטער. אפילו עד היום הזה אין א צייט פון הסתרת פנים זענען אידן מורא׳דיגע אפענע ישועות שלא כדרך הטבע דורכ׳ן מתפלל זיין על ציון קדשו, אדער ביים געבן צדקה לעילוי נשמתו, ווי דער הייליגער צדיק אליינס האט מבטיח געווען, אז אידן וועלן געהאלפן ווערן אפילו מ׳וועט נישט הערן זיין קול, מיינענדיג צו זאגן לאחר הסתלקותו.

זכותו יגן עלינו.

## אריכות ימים

אין דער שטאט ראדשיץ האט געוואוינט א פרוי וואס איז ל״ע יונגערהייט געווארן אן אלמנה, בלויז עטליכע יאר נאך די חתונה. די זעלבע צייט איז ל״ע געשען דער אומגליק, אז דעם ראדשיצער׳ס אייניקל, רבי הילל, איז ל״ע יונגערהייט געווארן א יתום פונעם מאמען, און איינער האט זיך גערדארפט אפגעבן מיט אים.

אזוי ווי די באבע פונעם קליינעם יתום, די ראדשיצער רעביצין הצדיקת מרת בילא ע״ה, איז געווען א שוואכע פרוי, האט דער ראדשיצער געלאזט רופן די יונגע אלמנה, און איר אהיינגעגעבן אויפצוציען דעם קליינעם יתום ביז ער וועט גרויס ווערן. דערביי האט ער איר אנגעזאגט: "גיב גוט אכטונג אויף אים, נעם נישט אראפ קיין אויג פונעם קינד, ווייל ער וועט נאך אויפוואקסן א גרויסער צדיק וואס וועט פארשיינען די וועלט. בזכות זה וואונטש איך דיר אן, אז דו וועסט האבן אריכות ימים ביז די הונדערט און צוואנציג יאר".

די אלמנה איז געווען א קלוגע פרוי, זי האט געוואלט ארויסשלעפן נאך א ברכה פונעם צדיק, האט זי זיך אנגערופן: "רבי! וואס וועל איך פארדינען פון לאנג לעבן, אויב איך וועל זיין שוואך און קראנק", האט דער ראדשיצער געזאגט: "איך זאג דיר צו, אז דו וועסט זיין געזונט און שטארק א גאנצן לעבן".

וכך הוה. זי האט זוכה געווען צו א זעלטענע אריכות ימים, און ביז איר לעצטן טאג איז זי געווען געזונט און שטארק אויפ׳ן גאנצן קערפער.

אין דער שטאט ראדשיץ האט געוואוינט אן אלטער ערל אין עלטער פון 115 יאר, וואס במסיח לפני תומו האט ער אמאל דערציילט די סיבה פון זיין אריכות ימים, אז אין זיינע יוגנט יארן האט ער געארבעט מיט די פאך פון איבערציען בענקלעך און בעטן מיט שיינע סחורה.

אמאל האט זיין בעל הבית באקומען די ארבעט צוצוגרייטן א שיינעם בענקל פאר׳ן הייליגן ראדשיצער, און ס׳איז אים צוגעטיילט געווארן די ארבעט זייענדיג א גוטער פאכמאן. ער האט אריינגעלייגט מער ארבעט און דאס איבערגעצויגן מיט שענערע און טייערע סחורה, כדי מהנה צו זיין דעם ראדשיצער.

ווען מ׳האט אריינגעברענגט דעם בענקל פאר׳ן ראדשיצער האט ער געפרעגט ווער דאס האט געמאכט, האט מען אים געזאגט אז דער ערל האט דאס אהערגעשטעלט און ער האט צוגעלייגט מער סחורה און שענערע באקוועמליכקייטן מהנה צו זיין דעם רבי׳ן, האט אים דער ראדשיצער געבענטשט מיט אריכות ימים.

## אמונת צדיקים

הרה״ק רבי יצחק׳ל (פינקלער) אבד״ק ראדשיץ זי״ע, חדב״נ פונעם הייליגן ראדשיצער זי״ע, האט אמאל דערציילט, אז אנפאנג נאך זיין חתונה איז ער נאכנישט געווען קיין חסיד פון זיין שווער, אדרבה ער האט נוטה געווען צו אן אנדערער דרך החסידות ועבודת ה׳.

אמאל איז זיין רעביצין אוועקגעפארן פון שטוב אויף אפאר טעג, האט ער זיך אריינגעצויגן ביים שווער אין שטוב. איין נאכט אינמיטן טיפן שלאף, דערוועקט ער זיך פילנדיג ווי עמיצער שלעפט אים, צום ערשט האט ער געמיינט אז ס׳איז איינע פון די קינדער, און ער האט יענעם אנגעשריגן. האט ער זיך צוריקגעלייגט שלאפן, און נאכאמאל שפירט ער ווי עמיצער שלעפט אים מיט אלע כוחות, האט ער זיך אויפגעשטעלט און אראפגעגאנגען פון בעט, זעט ער ווי עס שטייען ארום שרעקעדיגע מענטשן אנגעטאן מיט ווייסע בגדים פון קאפ ביז פיס.

ער האט זיך זייער דערשראקן און אנגעהויבן שרייען מיט אלע כוחות, און ער איז באלד געפאלן אין חלשות. הערנדיג די קולות, איז דער שווער דער סבא קדישא געקומען צו לויפן און האט אים דערמונטערט. ווער ער איז געקומען צו זיך, האט אים דער שווער געפרעגט "וואס האט פאסירט, פארוואס האסטו זיך דערשראקן?", האט ער דערציילט די גאנצע מעשה.

פרעגט אים דער שווער "יעצט וועסטו נאך מחולק זיין מיט מיר?", האט ער געענטפערט "פון יעצט גלייב איך שוין, אז דער שווער איז אחד מגדולי הצדיקים וועלכער איז מתקן נשמות, ווייל אפען צוצוזען אזא זאך, דערצו אז

איך זאל מיך אזוי דערשרעקן, אין א צייט ווען כ'בין בטבע נישט קיין פחדן, איז א ראי' אז ס'איז נישט קיין נאטורליכע זאכן".

האט דער הייליגער ראדשיצער געזאגט: "אויב דו גלייבסט שוין, קענסטו שלאפן רואיג אן קיין פחד".

## רוח הקודש

דעם ראדשיצער'ס איידעם הרה"ק רבי יצחק זי"ע האט אויך אמאל דערציילט, אז איינמאל איז געשטאנען א עולם צו געבן שלום פאר זיין שווער. צווישן דעם ציבור, איז געווען איין יונגערמאן וואס איז דעמאלטס די ערשטע מאל אנגעקומען קיין ראדשיץ, ווי נאר ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט, האט דער סבא קדישא זיך אנגערופן פאר רבי יצחק'ל: "דער יונגערמאן איז א שוחט, און ער האט ליידער עטליכע מאל פוגם געווען אין זיין שחיטה"...

זייענדיג דאן נאכנישט קיין חסיד פון זיין שווער, און נישט גלויבענדיג אז דאס איז רוח הקודש, איז ער נאכגעלאפן דעם יונגערמאן און געכאפט מיט אים א שמועס. שמועסנדיג איז ער טאקע געוואויר געווארן, אז יענער איז א שוחט, און ס'איז שוין עטליכע מאל ארויסגעקומען א מכשול פון זיין שחיטה.

זעענדיג ווי זיין שווער איז טאקע גערעכט, איז ער באלד צוריקגעלאפן און געפרעגט זיין שווער מיט וואונדער: "פון וואו האט דאס דער שווער געוואוסט?" האט דער סבא קדישא געענטפערט, אז ווען דער יונגערמאן האט אויסגעשטרעקט זיין האנט שלום צו געבן, האט ער גלייך געשפירט א ווייטאג אויף די סימנים אין האלז, אויפ'ן פלאץ וואו מען שעכט א בהמה, האט ער פארשטאנען, אז ער איז א שוחט און ער האט פוגם געווען אין די שחיטה.

אמאל, אלס יונגערמאן פאר ער איז נתגלה געווארן, איז דער ראדשיצער געפארן מיט נאך חברים אויפ'ן וועג און האט זיך אפגעשטעלט אפרוען אין א קרעטשמע, וואס האט באלאנגט פאר א חסידי'שער איד, וואו זיי האבן זיך געזעצט עסן א סעודה.

ווען מ'האט אריינגעברענגט דאס פלייש צום טיש, האבן אלע דאס גענומען און געגעסן ווי געווענליך, אבער דער ראדשיצער האט נישט צוגערירט דערצו. מתחילה האט ער נישט געוואלט אנגעבן די סיבה, אבער אויפ'ן שטארקן פארלאנג פון עטליכע ערליכע אידן, האט ער געזאגט אז די סיבה איז, וויבאלד די פלייש איז נישט געזאלצן געווארן.

ווען דער בעל אכסני' האט געהערט די ווערטער, האט ער זיך צעשריגן הויך: "דער בטלן שרייט אז די פלייש איז נישט געזאלצן געווארן, וויאזוי קען ער דאס זאגן, יעדער איינער ווייסט דאך, אז אלעס וואס דא ווערט געמאכט איז כשר עצהיי"ט"

אבער דער ראדשיצער האט זיך געהאלטן ביי זיינס, ביז דער בעל אכסני' האט אריינגעברענגט די קעכערין מיט'ן ציל אויפצואווייזן פאר יעדן איינעם אז דער ראדשיצער איז נישט גערעכט.

דער בעל אכסני' האט בפני כל קהל ועדה געבעטן די קעכערין, אז זי זאל פארציילן דעם אמת איבער די פלייש. קודם האט זי פרובירט צו לייקענען אז די פלייש האט נישט קיין שום פראבלעם. האט זיך דער ראדשיצער אויפגעשטעלט און געזאגט, אז אויב זי זאגט דעם אמת וועט איר גוט זיין, אז נישט וועט נישט טויגן, האט זיך זי דערשראקן, און זי האט מודה געווען, אז זי האט איינגעקויפט שפעט די פלייש, און מורא האבנדיג אז דער בעל הבית וועט זיך בייזערן אז ס'וועט נישט גרייט אין צייט, האט זי עס שנעל אריינגעלייגט אין טאפ און נישט געזאלצן...!

אמאל איז געווען א יונגערמאן וואס איז געקומען די ערשטע מאל קיין ראדשיץ. פאר'ן אריינגיין צום צדיק, האט ער זיך ארומגעדרייט פארזינקען אין זיינע מחשבות, טראכטנדיג צו זיך, אויב ס'קען זיין א הייליגער מנהיג ביי אידן אפילו מען איז נישט קיין גדול בתורה.

פלוצים עפענט זיך דער טיר, און דער הייליגער ראדשיצער רופט אים אריין. ער האט אים געוויזן א שווערע תוספות, און געזאגט דערויף א טיפע וואונדערליכע פשט, רעדנדיג א לאנגע צייט פון לערנען. דערנאך האט ער אים געזאגט: "זעסטו, אפילו ווער ס'איז א "רבי" קען אויך לערנען"... דער איד איז נבהל ונשתומם געווארן צו זען ווי דער הייליגער צדיק האט אלעס מרגיש געווען ברוח קדשו.

די הייליגער תפארת שלמה זי"ע איז אמאל געפארן צו זיין רבי'ן דער הייליגער ראדשיצער אויף איין וואגן מיט א גרופע בעלי בתים פון זיין שטאט. ס'איז דעמאלטס געווען א ביטערע קעלט און גרויסע שניי. אינמיטן וועג רופט זיך אן דער גוי'אישע בעל עגלה, אז מ'זאל אים אריינגיסן אין מויל שארפע משקה כדי ס'זאל אים ווארעם ווערן, אז נישט פארט ער נישט ווייטער, און ער בלייבט שטיין אינמיטן וועג.

זעענדיג אז ס'איז נישטא קיין ברירה האבן זיי ארויסגענומען פון זייערע זעקלעך א טייערע וויין וואס זיי האבן געפלאנט דערמיט מכבד צו זיין דעם ראדשיצער, און זיי האבן דערפון אנגעגאסן פאר'ן בעל עגלה. דער גוי האט זיך נישט באגענוגט מיט דעם, נאר ער האט אליינס גענומען די פלאש און אויסגעטרינקען עטליכע גלעזער, און די איבריגע האט ער זיי צוריקגעגעבן.

די חברה האבן געהאלטן ביים אוועקווארפן די איבערגעבליבענע, ווייל וואס קען מען שוין טאן מיט די וויין. ווי נאר דער תפארת שלמה האט דאס געזען, האט ער באלד געעפענט א צווייטן פלאש און פון דעם אריינגעגאסן און אנגעפולט די אפענע פלאש, און ער האט דאס גוט פארמאכט אז מ'זאל נישט דערקענען אז ס'איז געעפענט געווארן.

פרייטאג צו נאכטס פאר'ן טיש פון ראדשיצער, האט דער תפארת שלמה איבערגעגעבן די וויין פאר'ן משמש, דאס צו שטעלן אויפ'ן טיש. ווי נאר דער ראדשיצער איז אריינגעקומען און ער האט געזען די וויין פונדערווייטנס, האט ער זיך אנגערופן מ'זאל דאס באזייטיגן, ווייל ס'איז יין נסך.

אונטערוועגנס צוריק, האט דער תפארת שלמה געזאגט פאר זיינע בעלי בתים: "איר זאלט נישט מיינען אז איך האב דאס געטאן ווייל כ'האב געוואלט ח"ו מכשיל זיין דעם הייליגן ראדשיצער, נאר איך האב ענק געוואלט ווייזן וואס דאס מיינט א "רבי" מיט רוח הקודש"...

אמאל פרייטאג צו נאכטס בעת דער הייליגער ראדשיצער איז אריינגעקומען צום טיש מיט א פייערדיגע פנים וואס האט געווארפן א פחד, גייט צו א חסיד צו א געוויסער איד וואס איז געשטאנען ביים טיר און איז געווען א מתנגד פונעם ראדשיצער, און פרעגט אים: "זאג מיר דעם אמת, האסטו שוין אמאל געזען א צדיק אין דיין לעבן, וואס פלאמט אזוי פאר קדושת שבת?" האט זיך דער מתנגד אנגערופן שטילערהייט פאר'ן חסיד: "אויב וואלסטו ווען געווען ביי מיין רבי'ן, וואלסטו געזען אז דאס איז גארנישט כלפי זיין גרויסקייט".

קיינער אויסער די צוויי מענטשן האבן נישט מיטגעהאלטן דעם שמועס. נאך קידוש רופט צו דער ראדשיצער זיין גבאי און זאגט אים, אז ער זאל צוגיין צום טיר און מרחק זיין דעם יונגערמאן וואס האט גערעדט דברי עזות.

ס'איז געווען א וואונדער ביים עולם וואס דא האט פאסירט, ביז מ'האט חוקר ודורש געווען ווער יענער איז און וואס ער האט גערעדט, און יעדער איז געבליבן געשטוינט פון די אפענע רוח הקודש.

## שמירה מכל צרה וצוקה

דער אזשעראווער רבי הרה"ק רבי יחיאל חיים זי"ע איז אמאל געווען אויף א שבת ביים הייליגער ראדשיצער. שבת ביים טיש האט ער געהערט ווי דער ראדשיצער זאגט אין זיינע דברי תורה: "אויב א מענטש געפינט זיך אין א עת צרה אדער אין א סכנה ח"ו, איז א סגולה ניצל צו ווערן דורכ'ן זיך דערמאנען די צורה פון זיין רבי'ן".

נאך שבת איז ער אהיימגעפארן. אונטערוועגנס האבן אים רויבער איבערגעפאלן. זיי האבן אים אראפגעשלעפט פון וואגן און צוגענומען זיין געלט, און אויך האבן זיי אים געדראעט אומצוברענגען רח"ל און אריינווארפן זיין קערפער אין א דערנעבנדיגע טייך. זיי האבן אים שוין

אפילו געבינדן הענט און פיס, און גענומען שלעפן צום טייך.

אנקומענדיג פאר׳ן טייך האט ער זיך פלוצים דערמאנט די ווערטער פונעם ראדשיצער. ער האט זיך גלייך אויסגעמאלן די צורה פונעם ראדשיצער.

ווי נאר ער האט זיך מצייר געווען די הייליגע צורה פונעם צדיק, האט ער געזען פון דערווייטנס רייטן צוויי קאזאקן אויף פערד. ער האט גענומען שרייען געוואלד. די קאזאקן זענען צוגעלאפן און די רויבער האבן אפגעטראגן פון דארט. זעענדיג ווי די חברה אנטלויפן, זענען די קאזאקן זיי שנעל נאכגעריטן און ביז א קורצע געיעג זיי געכאפט. די קאזאקן האבן אים אויפגעבינדן און מיט די שטריק האבן זיי צוגעבינדן די רוצחים.

ווי נאר זיי האבן געהערט פון ר׳ יחיאל חיים וואס די חברה האבן פלאנירט צו טאן מיט אים ביים טייך, האבן זיי אנגעשלאגן די רוצחים, און דערנאך זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די פאליציי, וואו מען האט זיי פאר׳משפ׳ט אויף 20 יאר תפיסה.

נאך די איבערלעבעניש איז רבי יחיאל חיים גלייך צוריקגעפארן קיין ראדשיץ און איבערדערציילט די וואונדערליכע מופת פאר׳ן צדיק. רופט זיך אן דער ראדשיצער: ״דו מיינסט אז דאס זענען געווען קאזאקן? דאס זענען געווען צוויי מלאכים פון הימל וועלכע זענען ספעציעל אראפגעקומען דיך צו ראטעווען פון די הענט פון די רוצחים״.

נאך האט דערציילט הרה״ק רבי יחיאל חיים זי״ע, אז ווען ער האט געוואוינט אין שטאט אפאלע, איז זיין זון רבי לייביש, דער שפעטערדיגער ממלא מקום אלס רבי אין אזשאראוו, וועלכער איז דעמאלטס געווען א קליין קינד, געווען שטארק נישט געזונט ל״ע, און די דאקטוירים האבן זיך מייאש געווען.

האט ער געשיקט א שליח מיוחד קיין ראדשיץ, אים מזכיר צו זיין ביים סבא קדישא. ווען דער שליח איז אריינגעגאנגען צום ראדשיצער, האט ער זיך אנגערופן, אז פאר׳ן קינד דארף ער נישט מורא האבן, ער וועט אי״ה אינגאנצן אויסגעהיילט ווערן, אבער דער פאטער דארף יעצט גרויס רחמים.

דער שליח האט זיך זייער דערשראקן און נישט פארשטאנען דעם באדייט, וואוסענדיג אז דער פאטער איז דאך געזונט און שטארק. דאן האט מען געמאכט א שטיקל הפסקה, און דער ראדשיצער איז געגאנגען דאווענען מנחה. נאכ׳ן דאווענען איז דער שליח נאכאמאל אריינגעגאנגען צום ראדשיצער און אים געפרעגט וואס ער האט געזאגט, האט אים דער סבא קדישא בארואיגט, אז די סכנה איז ב״ה יעצט פאראיבער, און ער קען שוין רואיג צוריקפארן.

ווען דער שליח איז אנגעקומען אהיים, האט ער געהערט וואס דארט האט פאסירט. דער פאטער רבי יחיאל חיים איז געגאנגען זיך טובל׳ן אין טייך. אזוי ווי ער איז געווען פארטראכט און פאר׳דאגה׳ט פון זיין קינדס מחלה, האט ער זיך פארגעסן וואו ער גייט און ער איז אריין זייער טיף אין וואסער. ער האט נישט געקענט שווימען, און ער האט זיך שוין אנגעהויבן דערטרענקן רח״ל.

אינעם לעצטן מינוט האט זיין הויז בחור דאס באמערקט, האט ער זיך גענומען מאכן קולות, ביז א וועשערן וואס איז נישט געווען ווייט פון די סצענע איז געקומען צו לויפן, און האט צוגעווארפן א גרויס שטיקל האלץ, און ממש בדרך נס האט ער זיך ארויפגעכאפט דערויף און איז צוגעשווימען ביז צום בארטן, און אזוי זיך באוויזן ב״ה צו ראטעווען.

אט די גאנצע געשיכטע האט זיך אפגעשפילט בשעת דער שליח איז געווען ביים ראדשיצער, און בעת דער צדיק האט געדאווענט מנחה און אינזינען געהאט רבי יחיאל חיים, איז ער ב״ה ארויס פון די סכנה.

❧

הגה״ק רבי יצחק מפיעטרקוב זצ״ל איז אמאל געווען אויפ׳ן וועג קיין ראדשיץ, צו די חתונה פון איינער פון די ראדשיצער קינדער.

אונטערוועגנס האבן אים אפגעשטעלט צוויי רעבעלן און זיי האבן אים חושד געווען פאר א שפיאן. זיי האבן אים צוגעבינדן און אנגעשלאגן, און זיי האבן אים געוואלט אומברענגען רח״ל און הענגען אויפ׳ן בוים.

ווי נאר זיי האבן געוואלט אדורכפירן זייערע מעשה רציחה רח״ל, איז אדורכגעפארן א גוי וואס איז געווען פון די הויפט פון די טעראריסטישע גרופע, און ער האט זיי געזאגט מיט וואונדער: ״דעם איד זענט איר חושד פאר א שפיאן? איך קען אים דאך פאר א תמימות׳ד׳יגער רב, זיין ווייב האט א געשעפט און איך קויף דארט אלץ איין וואס איך דארף״. הערנדיג די ווערטער האבן זיי אים אויפגעבינדן און פריי-געלאזט.

באלד איז אדורכגעפארן א וואגן, און הערנדיג אז די אידן פארן קיין ראדשיץ האט ער זיך ארויפגעכאפט דערויף. אנקומענדיג פאר׳ן שטוב פונעם ראדשיצער, איז אים דער ראדשיצער אנטקעגנ-געגאנגען מיט שמחה און געגעבן שלום. רבי ר׳ יצחק האט אים פארציילט די ניסים וואס ער האט געהאט אונטערוועגנס, האט אים דער ראדשיצער געזאגט: ״ווייסטו ווער ס׳איז געווען דער גוי וואס האט זיך אנגעטראגן אלס דער הויפט פון זייער כת און ער האט דיך געראטעוועט ממות לחיים, דאס איז אליהו הנביא אליין, וועמען איך האב דירעקט געשיקט דיך צו ראטעווען״.

❧

איין נאכט האט דער הייליגער ראדשיצער זי״ע באפוילן פאר זיין בעל עגלה, איינצושפאנען די פערד און וואגן פאר א נסיעה.

דער ראדשיצער האט זיך ארויפגעזעצט אויפ׳ן וואגן און ער האט באפוילן פאר׳ן בעל עגלה אנצוהייבן פארן, נישט זאגנדיג וואו מען פארט. אנקומענדיג פאר א פרשת דרכים, האט ער געפרעגט דעם ראדשיצער אין וועלכע ריכטונג צו גיין, האט אים דער סבא קדישא געוויזן וואו צו פארן.

יענעם ריכטונג איז אלע יארן געווען באקאנט אלס א גאר מסוכנ׳דיגע פלאץ מיט רוחות רעות, וואו ס׳פלעגט דארט פאסירן שרעקעדיגע געשעענישן, און אפילו בייטאג פלעגן מענטשן דארט געשעדיגט ווערן.

דער בעל עגלה האט אויפגעציטערט זעענדיג וואו אהין דער ראדשיצער שיקט אים. זיין הארץ האט אים אנגעהויבן קלאפן און ציטערן פאר שרעק, און ער האט זיך אנגערופן פאר׳ן ראדשיצער: ״רבי! דארט האב איך מורא אהינצוגיין״. האט דער ראדשיצער געענטפערט: ״האב נישט מורא, קוק נישט אויף גארנישט, נאר כאפ דיך אן און פאר״!

מיט גרויס שרעק האט זיך דער בעל עגלה ארייגעלאזט אין וועג. אנקומענדיג פאר די באקאנטע מסוכנ׳דיגע וואלד, האט אים דער ראדשיצער געהייסן אפשטעלן דעם וואגן. דער בעל עגלה איז געבליבן זיצן אין וואגן מיט גרויס פחד, און דער סבא קדישא איז אריין אין וואלד פאר בערך א שעה צייט, בשעת ער פארארבעט דארט מעשים נוראים, און ער איז מתקן און מטהר דעם מקום.

דערנאך איז ער צוריק ארויפגעקומען אויפ׳ן וואגן און אהיימגעפארן בכי טוב, און זינט דאן האט מען מער קיינמאל נישט געהערט פאסירן קיין שום פגע ומכשול אויף דעם מקום.

---

## רפואת הגוף והנפש

---

די רעביצין פון קלימנטובער רב, הרה״ק רבי מאיר יהושע זי״ע, איז אמאל שטארק נישט געזונט געווען ל״ע, איז ער געפארן קיין ראדשיץ זיך מזכיר זיין ביים הייליגן סבא קדישא הרה״ק רבי ישכר בער מראדשיץ זי״ע.

אנקומענדיג צום צדיק האט ער געמאכט א גרויסער רעש און געוויינט מיט בכיות, אז זיין ווייב איז זייער נישט געזונט, און אלע דאקטוירים האבן זיך מייאש געווען, אז ס׳איז נישטא קיין שום רפואה פאר איר.

רופט זיך אן דער ראדשיצער: ״זיי שטיל, רעד נישט אזוי, ווייל איר רפואה איז נישט געוואנדן אין די דאקטוירים. ס׳שטייט כי האדם עץ השדה, די אשה האט דאך חוטא געווען מיט׳ן עץ, וועט זיין איר רפואה מיט׳ן בוים״.

האט דער ראדשיצער ממשיך געווען: ״פאר אהיים און נעבן די שטאט קלימנטוב וועסטו טרעפן אן אינטערעסאנטע בוים. קלויב צוזאמען פון דארט עטליכע בלעטער וואס זענען אראפגעפאלן אויף דער ערד, אויך זאלסטו אפשניידן א שטיקל האלץ פונעם בוים. נעם דאס אהיים און הייס דאס אויפקאכן אין וואסער, און דערנאך דאס אנשמירן מיט דעם וואסער, און זי וועט אי״ה האבן א רפואה״.

אזוי האט ער טאקע געטאן, און זי איז ב״ה גענצליך אויסגעהיילט געווארן כאחד הבריאים.

פאר'ן נתגלה ווערן איז דער הייליגער ראדשיצער זי"ע אמאל געפארן צו זיין רבי, דער יהודי הקדוש פון פרשיסחא זי"ע.

אנקומענדיג נעבן שטאט, האט ער געהערט ארויסקומען פון זיין רבי'ס שטוב קולי קולות און בכיות. ער האט זיך שטארק דערשראקן, און ער איז שנעל אהיינגעלאפן.

ווי נאר זיין רבי, דער יהודי הקדוש, האט אים באמערקט פון דערווייטנס, איז ער אים שנעל אנטקעגן געגאנגען, און ער האט אים דערציילט מיט ביטערע טרערן, אז זיין קינד איז אין א שרעקליכע סכנה, און האלט ביים אויסגיין ל"ע.

דער יהודי הקדוש האט זיך געוואנדן צום ראדשיצער: "ס'שטייט דאך אז אפילו חרב חדה מונחת על צוארו אל ימנע עצמו מן הרחמים, דערפאר בעט איך אייך, אז איר זאלט זיך מרחם זיין אויפ'ן קינד, אז ער זאל בלייבן ביים לעבן".

ער האט גלייך אהינגעגעבן דאס קינד פאר'ן ראדשיצער און אים געזאגט: "דא האט איר מיין קינד און גיט מיר אים צוריק איגאנצן געזונט".

טראץ דער ראדשיצער איז נאך דעמאלטס נישט געווען מפורסם, און ער איז נישט געוואוינט צו באווייזן אפענע מופתים, דאך נאך אזויפיל הפצרות פון זיין רבי האט ער געדארפט אויס'פועל'ן א ישועה.

ער האט איבערגענומען דאס קינד און אריינגעלייגט אין א וועגעלע, און בשעת ער האט געשאקעלט דאס וויגל, האט ער שופך שיח געווען פאר'ן באשעפער און איינגעריסן פאר זיין רפואה, ביז ער האט אים צוריקגעגעבן דאס קינד געזונט און שטארק כאחד האדם.

אמאל איז דער סבא קדישא און רבי ירחמיאל פרשיסכער, אינאיינעם ארומגעפארן אין די דערפלעך, און זענען צווישן אנדערע מקומות אנגעקומען אין שטאט טאמאשוב.

די ארטיגע איינוואוינער זענען געווען חסידים פון אנדערע רבי'ס, און זיי האבן נישט געהאט קיין דרך ארץ פאר אט די צוויי צדיקים. קיינער האט זיי נישט געוואלט אריינעמען. עטליכע חברה האבן אפילו געווארפן שטיינער אויף זייער וואגן אלס התנגדות, האט זיך דער רבי ר' ירחמיאל אנגערופן צום סבא קדישא: "בערל! דו דארפסט עפענען דיין געשעפט און ווייזן ווער דו ביזט", האט דער סבא קדישא געלאזט מודיע זיין אין שטאט, אז אויב ס'איז דא א חולה וואס דארף א רפואה קען אריבערקומען צו אים.

איז געווען דארט א זייגער-מאכער וואס איז שוין ל"ע געלעגן אין בעט פאראליזירט זעקס יאר, און די משפחה האבן אים אריבערגעבערענגט מיט'ן בעט צום סבא קדישא.

דער סבא קדישא האט זיך אנגערופן פאר'ן חולה: "צוויי שעה ארום זאלסטו מיר קומען ברענגען א זילבערנעם לעפל". כך הוה, צוויי שעה דערויף, האט זיך דער חולה גענומען שפאצירן אויף די אייגענע פיס כאחד אדם, און געברענגט א זילבערנע לעפל אלס מתנה פאר'ן צדיק.

ווי נאר די מעשה איז באקאנט געווארן, איז געווארן א גרויסע רעש אין די שטאט פון דעם וואונדערליכן מופת. זאפארט האבן אלע איינוואוינער אנגעהויבן ארויסצייגן א כבוד פאר די צוויי צדיקים. ס'איז זיי גאר געווען א זכי' מכניס אורח צו זיין דעם הייליגן גאסט.

הרה"ק רבי פנחס מקינצק זי"ע פלעגט זיך אלץ בארימען, אז ער איז א קינד פונעם הייליגן ראדשיצער זי"ע, צוליב א מעשה וואס האט פאסירט ווען ער איז געווען א קליין קינד, מעשה שהיה כך היה:

ווען ער איז אלט געווען פינף יאר איז ער אראפגעפאלן פון א שטאק ביז צו דער ערד, וואו עס איז געליגן אלטע ברעטער, און ווען ער איז ארויפגעפאלן דערויף איז אים אריין א נאגל טיף אין אויער ביז ס'האט אנגעריירט דעם מוח, און ער איז געווען אין א שרעקליכע סכנה רח"ל.

האט זיין פאטער הרה"ק רבי נתן דוד משידלאוצא זי"ע געשיקט א שליח מיוחד קיין ראדשיץ, מזכיר צו זיין דעם ילד החולה, אז ער איז אין גרויס געפאר און ער דארף רחמי שמים מרובים.

ווען דער שליח איז אריינגעקומען צום ראדשיצער, האט אים דער סבא קדישא געזאגט: "זאלסט זיך נישט זארגן אויף אים, איך נעם אים אויף מיינע פלייצעס".

וכך הוה, אז ער איז באלד ארויס מגדר סכנה, און ער איז בדרך נס ניצל געווארן ממות לחיים, צו די שטוינונג פון אלע דאקטוירים.



אהל הישן של הסבא קדישא זצוקללה"ה
בעיר ראדשיץ - פולין

אין "ספר נפלאות הסבא קדישא" ווערט געברענגט פון "הרה"ג ר' יוסף אלפס שליט"א אבד"ק יעזוב" וואס ער האט געהערט פון זיין זיידע החסיד המפורסם ר' משה שמחה ז"ל, אז ווען זיין פאטער החסיד ר' ירחמיאל ז"ל איז אלט געווען פינף יאר איז ער איז ער לײדער געשלאגן געווארן מיט קרעץ אויפ'ן קאפ און ס'איז צעשפרייט געווארן מער און מער ביז ס'האט געהאלטן נאנט צו די אויגן, וואס לויט די דאקטוירים וואלט ער ווען געקענט בלינד ווערן אויף א גאנצן לעבן רח"ל.

די דאקטוירים האבן געגעבן פארשידענע רפואות אבער ס'האט גארנישט געהאלפן.

האט אים זיין פאטער הרה"ח ר' משה שמחה ז"ל שנעל גענומען קיין ראדשיץ צום הייליגן סבא קדישא, וועלכער איז דעמאלטס געליגן אין בעט אין זייער א שוואכן מצב.

הערנדיג די מעשה האט דער ראדשיצער געבעטן מ'זאל אים דערלאנגען דאס קינד, און ער האט אדורכגעפירט זיינע הענט אויפ'ן פנים פונעם קינד, זאגנדיג בזה"ל: "מיין משה שמחה'ס קינד". דערנאך האט ער צוריקגעגעבן דאס קינד און זיי געזעגנט לחיים ולשלום.

אויפ'ן וועג אהיים איז דאס קינד טיף איינגעשלאפן אויף עטליכע שעה. צום אנהויב האבן זיך די עלטערן זייער דערשראקן, אבער ווען זיי האבן אויפגעהויבן דאס טיכל מיט וואס דאס קינד'ס קאפ איז געווען ארומגעבינדן, האבן זיי געזען די וואונדערליכע ישועה "נרפא נגע צרעת", און ביז עטליכע שעה איז שוין נישט געבליבן קיין זכר דערפון.

אמאל איז קראנק געווארן א גביר מיט א מחלה וואס די דאקטוירים האבן בשום אופן נישט געקענט דיאגנאזירן, ביז מ'האט אים געשיקט צו א גרויסער פראפעסאר אין ווארשא, וואס האט געזאגט אז די מחלה ציעט זיך פון א ביין וואס קומט פון די שדרה וואס הויבט אן צו ווערן פארפוילט רח"ל.

האט דער גביר געשיקט קיין ראדשיץ, איינער פון זיינע נאנטע מענטשן וועמען מ'האט גערופן "ר' שלמה קלוגער"... זייענדיג זייער קלוג און מלומד במילי דעלמא, אז ער זאל אים מזכיר זיין ביים ראדשיצער.

נאכ'ן מזכיר זיין דעם גביר, פרעגט אים דער ראדשיצער: "וועלכע ווייטאג

איז גרינגער צו היילן, א מחלה פנימיות אדער א מחלה חיצוניות?" האט ר' שלמה געענטפערט "מסתמא חיצוניות". האט דער ראדשיצער געפרעגט: "ביזטו דער וועמען דער וועלט רופט "שלמה קלוגער", לויט ווי איך זעה איז פארקערט, ביזט א שוטה, ווייל א מחלה פנימיות איז גרינגער צו היילן, ווייל די רגע איז ער קראנק און א רגע דערנאך ווערט ער אויסגעהיילט, און די ווייטאג גייט אוועק, אבער א מחלה חיצוניות דארף מען אן השתנות הטבע".

והיה לפלא, אז יענע רגע וואס דער הייליגער ראדשיצער האט געזאגט די ווערטער "די רגע איז ער קראנק און א רגע דערנאך ווערט ער אויסגעהיילט" איז דער גביר אויסגעהיילט געווארן, און געציילטע טעג דערויף האט ער זיך שוין געקענט אליינס אויפשטעלן פון בעט און ארומגיין געזונט און שטארק כאחד האדם.

אין ספר נפלאות הסבא קדישא ווערט דערציילט פון א זקן אחד פון דער שטאט דזאלאשיץ, אז זיין זיידע איז געווען א גרויסער גאון ובקי בכל הש"ס ופוסקים און אויך א גביר עצום, אבער ער איז געווען א שטארקער מתנגד לדרך החסידות, ובפרט קעגן די צוויי הייליגע צדיקים הרה"ק רבי ישכר בער מראדשיץ זי"ע און הרה"ק ר' מאיר'ל מאפטא זי"ע, וועמען ער האט אויסגע'רודפ'ט, ביז איינמאל האט פאסירט אז ער האט געוואלט ארויפהאקן א מזוזה אויפ'ן טיר, און פלוצים איז ער געווארן גענצליך פארלאזירט ר"ל, אז ער האט נישט געקענט רירן קיין איין עבר, נאר אריינגעפאלן ווי א דומם אין בעט.

מ'איז געגאנגען צו אלע דאקטוירים און פרובירט כל מיני רפואות, ביז דער מצב איז עטוואס בעסער געווארן, אבער דער כוח הזכרון וכוח התפיסה האט ער גענצליך פארלוירן, אזוי ווייט אז ער האט פארגעסן זיין גאנצע לערנען און ניטאמאל דערקענט א צורת האות.

די משפחה האט געהאט געדינגען א פריוואטן מלמד צו לערנען מיט אים די צורת האותיות, אבער ער האט בשום אופן נישט געקענט עפעס אויפכאפן.

אין זיין שטאט האבן געוואוינט צוויי ראדשיצער חסידים וועלכע האבן אים מייעץ געווען אז ער זאל מיטפארן מיט זיי קיין ראדשיץ, איבערצובעטן דעם הייליגן סבא קדישא, און אין דעם זכות וועט ער זיכער געהאלפן ווערן.

ווען דער איד איז אריינגעקומען צום ראדשיצער און זיך מתנצל געווען אויף זיין צרה, האט דער ראדשיצער גענומען א סידור און אים געוויזן: "זעסט, דאס איז א א' און דאס איז א ב'" און אזוי ווייטער. אויך האט ער אים געוויזן די נקודות און געלערנט מיט אים עברי, אז ער זאל קענען דאווענען.

נאך אהאלבע שעה פרעגט אים דער ראדשיצער בדרך צחות: "וואס באקום איך באצאלט דערפאר?"

זעענדיג ווי אין אזא קורצע צייט האט ער זיך צוריק אויסגעלערנט דאווענען, האט ער פארגעסן וויאזוי ער האט אויסגעקוקט מיט א קורצע צייט פריער, און ער האט נישט תולה געווען אז דער נס איז געקומען דורכ'ן הימלישער שליח, דער הייליגער ראדשיצער, רופט ער זיך אן, אז ס'קומט זיך פאר'ן ראדשיצער אזוי ווי מ'צאלט פאר א מלמד פון קינדער. "אויב אזוי" – האט דער ראדשיצער געענטפערט – "איז דאס גענוג פאר דיר"...

און א פלא איז געווען, אז וויפיל מ'האט ווייטער פרובירט צו לערנען מיט אים, האט ער קיינמאל נישט מער אויפגעכאפט, און עד יום מותו האט ער נישט געקענט מער וויפיל דער ראדשיצער האט געלערנט מיט אים אין די האלבע שעה.

דער ראדשיצער האט אויפגעצויגן א איד, וואס איז ל"ע געווארן א יתום ביי די זעקס יאר. דאס קינד איז נעבעך געווען געשלאגן מיט שחין אויפ'ן גאנצן קאפ וואס האט זיך פארשפרייט, און די דאקטוירים האבן נישט געהאט קיין שום רפואה.

ויהי היום, פאר ס'איז געקומען דער צייט פון בר מצוה ווערן, האט ער געטראכט אז מוצאי שבת שפעט ביינאכט ווען דער ראדשיצער וועט ענדיגן




געזעגענען דעם עולם, וועט ער אריינגיין צום צדיק און נישט אויפגעבן ביז ער וועט אויס'פועל'ן א רפואה.

אזוי האט ער געטאן. נאכ'ן געזעגענען דעם עולם, איז ער אריינגעגאנגען צום ראדשיצער און געוויינט מיט בכיות, אז ער האט שוין פרובירט אלע מיני רפואות, און אויך די דאקטוירים האבן זיך מייאש געווען, און ער וועט נישט קענען לייגן תפילין אויפ'ן קאפ מיט אזא מכה!

האט אים דער ראדשיצער געשיקט פרעגן די רעביצין, צי זי האט שוין אויסגעוואשן די טאפ פונעם שבת'דיגן קוגל, איז ער צוריקגעקומען זאגן אז ניין, האט ער געזאגט, אז ער זאל נעמען א פאפיר און אויסווישן די פעטנס פונעם טאפ און דאס ארויפלייגן אויפ'ן קאפ, און ער זאל דאס לאזן אויך ביים שלאפן.

כך עשה, און צומארגנס נאכ'ן אויפשטיין האט ער געזען ווי אלעס האט זיך אנגעקלעבט אויפ'ן פאפיר, און ער איז גענצליך אויסגעהיילט געווארן!

אמאל האט מען אריינגעברענגט צום ראדשיצער א חולה מסוכן מיט די לונגען ל"ע, וואס די דאקטוירים האבן געהאט אויפגעגעבן. דער חולה האט שוין כמעט נישט געהאט קיין צורה פון א לעבעדיגער ה"י, און האט ניטאמאל געהאט קיין כח צו עפענען דאס מויל און רעדן.

ווען מ'האט אים אריינגעברענגט צום ראדשיצער און צוגעפירט צו נעמען ברכת קדשו, האט דער ראדשיצער אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן און אנגעקוקט דעם חולה, זאגנדיג דער מאמר חכז"ל: "אמרו עליו על ר' חנינא בן דוסא שהיה מתפלל על החולים ואומר זה חי".

ווען ער האט געזאגט די ווערטער "זה חי", האט ער ארומגעטאפט מיט זיינע הייליגע הענט אויפ'ן פלאץ פון די לונגען פונעם חולה, און תיכף ומיד האט דער חולה אנגעהויבן בעסער זיך צו שפירן, פילנדיג ווי דער ראדשיצער טוט אים בשעת מעשה אריינגעבן א פרישע חיות.

ווי נאר ער האט געענדיגט אנוואונטשן, האט ער געהייסן אז מ'זאל אהיימגיין ווי שנעלער כדי ס'זאל נישט שאדן קיין עין הרע. אזוי האבן זיי געטאן, און דער חולה איז צוביסלעך בעסער געווארן און צוריקגעקומען צו די כוחות כאחד הבריאים, און מאריך ימים געווען לאנגע יארן.

די רעביצין פון הגה"ק רבי אליעזר שלום מפיעטרקוב זצ"ל איז אמאל קראנק געווען אויף א געוויסע אנשטעקיגע מחלה, וואס האט זיך שוין געהאט אויסגעשפרייט אויף איר פנים, און זי איז געווען אין גרויס געפאר ר"ל.

איז מען אריבערגעגאנגען דאס פארציילן פאר'ן ראדשיצער, האט ער געזאגט, אז פאר מענער האט ער אן עצה דערצו דורכ'ן ארויפלייגן זיין האנט אויף די מכה און אזוי היילן, אבער ביי א פרוי וועט ער מוזן ניצן אן אנדערן אופן, אז די מכה זאל פון זיך אליינס אויסשטארבן אויפ'ן פנים. האט מען אים געזאגט, אז דער אופן איז זייער מסוכן, און ס'איז בעסער אויב דער מכה שטארבט אויס אויף אן אנדערן פלאץ און נישט אויפ'ן פנים.

האט דער הייליגער ראדשיצער גענומען א בינטל רפואות וואס ער האט געהאט פון זיין רבי, דער קאזניצער מגיד זי"ע. ער האט ארויסגענומען דערפון געוויסע רפואות און צוגעלייגט געוויסע סגולות. דערנאך האט ער גענומען א שטיקל סחורה און געמאכט דערפון א באזונדערן בייטל, און באפוילן אז מ'זאל קודם רייכערן נעבן איר מיט די געווירצן, און אנגעזאגט אז זי זאל דאס אנטאן אויפ'ן האלדז.

ווי נאר זי האט דאס אנגעטאן האט זי שוין זיך אנגעהויבן בעסער שפירן, און ביז א קורצע צייט איז די מכה גענצליך אוועקגעגאנגען און ס'איז נישט געבליבן קיין שום זכר אויף איר פנים.

די מעשה גייט נאך ווייטער. אמאל איז זי געווען אינאיינעם מיט איר מאן הגה"ק מפיעטרקוב זצ"ל אין א געוויסע געגנט וואו ס'האבן נישט געוואוינט קיין אידן, און די גוים האבן זיי געוואלט שלעכטס טאן, האט זי ארויסגענומען פון טאש די בייטל פונעם ראדשיצער, און זיי זענען אנטלאפן פון גרויס שרעק.



הסבא קדישא רבי ישכר בער מ'ראדשיץ זצוקללה"ה
ציור זה היה מקובל מפולין כדמות דיוקנו של הסבא קדישא
ציור בידי משה יחיאל שיין משידלאווצא נכדו של הסבא קדישא

## סימן ברכה ופרנסה בריוח

אלס מלמד אין שטאט חמעלניק, איז דער הייליגער סבא קדישא פון ראדשיץ זי"ע אמאל אריין צו א בעקער אין שטוב, וואס איז געווען נעבן זיין ביהמ"ד.

ס'איז דעמאלטס געווען דאנערשטאג, דער מארק טאג אין יענעם שטאט, און דער בעקער האט פונקט געהאלטן אינמיטן איינקנעטן.

דער ראדשיצער איז דארט געווען א שטיק צייט, און פאר'ן ארויסגיין האט ער געוואונטשן פאר'ן בעקער "זאלסט קנעטן מיט א ברכה".

צדיק גוזר והקב"ה מקיים. ס'איז אריינגעקומען א ברכה אין די טייג, און דער בעקער האט געקענט קנעטן פון דעם טייג איבער 8 חדשים, און ער האט געמאכט דערפון אסאך ברויט און חלות, פון וואס ער האט געהאט פרנסה בריוח.

דער בעקער איז שוין כמעט נתעשר געווארן דערפון, ביז ער האט זיך אמאל ארויסגעכאפט, אז ער ווארט שוין פטור צו ווערן פונעם טייג, און פון דעמאלטס איז ארויס די ברכה.

לימים האט ער נאכאמאל געטראפן דעם ראדשיצער, האט ער אים געבעטן א פרישע ברכה, האט דער ראדשיצער געענטפערט בדרך צחות, "לאו בכל יומא מתרחיש ניסא"...

אמאל איז אריינגעקומען צום הייליגן ראדשיצער, א סוחר וועלכער האט געהאנדלט מיט מילך, און ער האט זיך מתנצל געווען, אז ער איז שולדיג פאר זיין הער א גרויסן סכום געלט און ער האט נישט צו באצאלן, און דער הער איז זייער בייז אויף אים, אזוי ווייט אז ער האט אים געווארנט, אז אויב ער וועט נישט באצאלן ביז א באשטימטע צייט וועט איר אים אנשלאגן מכת אכזריות.

האט אים דער הייליגער ראדשיצער געזאגט, אז ער זאל גיין קויפן א שטיקל פאדעם און אים דאס ברענגען. ווען ער האט דאס אריינגעברענגט, האט דאס דער ראדשיצער צוזאמענגעדרייט מיט זיינע הייליגע הענט, און אין יענע רגע האט דער הער באקומען שטארקע בויך ווייטאג, אזוי ווייט אז ער האט זיך נישט געקענט האלטן און שטיין אויף די אייגענע פיס.

דער הער האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין נאטורליכע זאך, ווייל ער האט קיינמאל נישט געליטן אויף די בויך, בפרט ווען ער האט געזען אז ס'איז געקומען פלוצים מיט אזא שטארקייט. אויך האט ער געהערט אז דער אידישער מילכיגער, וואס וואוינט נעבן זיין דירה, איז געפארן צום ראדשיצער וועגן דעם סכסוך, האט ער אנגעהויבן טראכטן צי ס'איז נישט קיין עונש פונעם ראדשיצער.

א קורצע צייט דערויף האט ער געהערט אז דער מילכיגער איז שוין צוריקגעקומען, האט ער תיכף געשיקט א שליח צום איד און געבעטן אז ער זאל דערציילן דעם אמת פון וואו ער קומט, און ער דארף נישט מורא האבן.

הערנדיג אז דער איד איז טאקע געוועז אין ראדשיץ, און ער האט אלעס פארציילט פאר'ן צדיק, האט דער הער שטארק אויפגעציטערט, און ער האט מוותר געווען דעם גאנצן חוב, און אים נאך צוגעגעבן פרוכט צו שפייזן זיינע קינדער, און פון דעמאלטס איז זיין מצב בעסער געווארן.

❧

אין שטאט וולאשטשאווא האט געוואוינט א וויין סוחר וועלכער פלעגט אלץ טראגן סחורה קיין ראדאם, און ער האט זיך געהאט אונטערגענומען, אז יעדעס מאל וואס ער פארט אויפ'ן וועג, שטעלט ער זיך אפ אין ראדשיץ, צו געבן געלט פאר'ן צדיק, אז ער זאל מתפלל זיין פאר זיין הצלחה.

אמאל האט פאסירט אז ער איז דירעקט געפארן פון א צווייטע וועג, כדי זיך ארויסצודרייען פון דארפן באשטייערן געלט פאר'ן ראדשיצער.

אנקומענדיג אין ראדאם ווען ער האט געעפענט זיינע פעסער פאר זיינע געווענליכע סוחרים, האבן זיי געשפירט א שלעכטע ריח, און זיי זענען אלע אנטלאפן און גארנישט געוואלט איינקויפן.

האט ער באשלאסן אז ער וועט עס פרובירן צו פארקויפן פאר א ביליגע פרייז, כדי ער זאל כאטש האבן געלט אויפ'ן וועג אהיים. נאך לאנגע זוכענישן האט ער ענדליך געטראפן אפאר מענטשן וועלכע האבן מסכים געווען דאס אפצוקויפן פאר א גאר נידריגן פרייז, אבער לא ארכה השעה, און נאך א קורצע צייט זענען זיי אלע צוריקגעקומען מיט די סחורה, מיט די טענה אז זיי קענען נישט אויסהאלטן די שלעכטע ריח, און ער האט זיי געדארפט צוריקגעבן זייער געלט.

דער איד האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך, נאר דאס קומט צוליב וואס ער האט געזוכט זיך ארויסצודרייען פון מהנה זיין דעם ראדשיצער.

האט ער זיך תיכף ארויסגעלאזט קיין ראדשיץ איבערצובעטן דעם צדיק און בעטן זיין ברכה. ווי נאר ער איז אריינגעקומען האט אים דער ראדשיצער געפרעגט "פארוואס האסטו מיר צוגענומען מיין געלט?"

דער איד איז אויפגעציטערט געווארן, ער האט מבטיח געווען אז ער וועט עס מער נישט טאן. ער האט אויפ'ן פלאץ געגעבן געלט פאר'ן צדיק, און דער ראדשיצער האט אים אנגעוואונטשן.

ברכות צדיק עשתה רושם. די יין חומץ איז נשתנה געווארן צו גאר גוטע וויין, וואס האט זיך אים זייער שנעל פארקויפט און ער האט פארדינט דערפון שיין פרנסה.

❧

דער סבא קדישא איז אמאל געווען אין וולאשטשאווא וואו ער האט געהאט זיין אכסני' אין שטוב פון א סוחר וואס האט געהאנדלט מיט צמר.

פונקט יענע צייט האט דער איד געהאט אסאך סחורה אבער נישט קיין קונים. מיטאמאל איז אנגעקומען צו אים א סוחר פון די מרחקים וואס האט געזוכט אפצוקויפן זיין גאנצע סחורה, און דער איד איז געווען זייער בשמחה.

דאך האט ער מחליט געווען אז ער וועט בעטן א ברכה פונעם ראדשיצער. ווי ערשטוינט איז אבער געווען, ווען דער ראדשיצער האט נישט מסכים געווען דאס צו פארקויפן, און אזוי האט ער געטאן.

ויהי היום, נאך עטליכע וואכן האט אויסגעבראכן א שריפה ביי דעם איד און ס'האט זיך אים פארברענט זיין גאנצע סחורה און ער איז ארויס נקי מנכסיו בערום ובחוסר כל ר"ל.

איז ער שנעל געפארן קיין ראדשיץ און פארציילט וואס ס'האט פאסירט. האט אים דער ראדשיצער געזאגט: "אויב אזוי, דארף איך באצאלן, ווייל איך האב גורם געווען די שאדן..." און ער האט אים אנגעוואונטשן א ווארימע ברכה.

וכך הוה, ווען ער איז צוריק אנגעקומען אהיים, האט זיך אים געמאכט א גוט געשעפט, און ער איז שטארק נתעשר געווארן דערפון, פארדינענדיג אסאך מער ווי שטענדיג פריער.

❧



**אהל החדש של הסבא קדישא זצוקללה"ה**
**אשר יבנה בקרוב בעזהשי"ת, בעיר ראדשיץ, פולין**

אין די געגנט קיעלץ האט געוואוינט א איד וואס האט געהאט א מילך פאבריק, און ער האט געדארפט צאלן גרויסע שטייערן פאר'ן פריץ.

אמאל האט פאסירט אז ער איז געווען זייער געדרוקט און ער האט נישט קיין געלט צו באצאלן ביז ער איז שולדיג געבליבן א גרויסער חוב, און דער פריץ האט אים געווארענט, אז אויב ער וועט נישט באצאלן ביז א געוויסע דאטום וועט ער אים שטרענג משפט'ן.

דער איד איז געווען זייער דערשראקן, און ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין ראדשיץ, פארציילנדיג זיין פעקל פאר'ן הייליגן סבא קדישא.

האט אים דער ראדשיצער געבעטן אז ער זאל אים ברענגען א ליידיגע פאפיר. דער ראדשיצער האט מיט זיין פינגער געמאכט סימנים און אויסגעשריבן דערויף אזוי ווי אותיות און דאס איינגעקנייטשט ווי א בריוו, זאגנדיג פאר'ן איד, אז ער זאל דאס איבערגעבן פאר'ן האר.

מיט גרויס אמונה פשוטה האט זיך דער איד ארויסגעלאזט אהיים מיט'ן בריוו. אונטערוועגנס האט ער באשלאסן צו עפענען דעם בריוו און קוקן וואס דארט שטייט. ער איז שאקירט געווען צו זען, ווי ס'איז א ליידיגע פאפיר, און ער האט באקומען א גרויס פחד איבערצוגעבן דעם בריוו פאר'ן האר, מורא האבנדיג אז ער וועט זייער ברוגז זיין און אים נאך שטרענגער באשטראפן.

דער איד איז געווען זייער דערשראקן און פארלוירן, נישט וואוסענדיג וואס צו טאן, ביז ער האט באשלאסן אז ער וועט זיך שטארקן און יא אויספאלגן דעם באפעל פונעם הייליגן ראדשיצער מיט אמונה.

ווי ערשטוינט איז ער געווען צו זען, ווי דער האר האט איבערגענומען דעם בריוו און געליינט דערפון אזוי ווי פון יעדע בריוו, און אויסגערעכנט דעם גאנצן דין וחשבון און געקומען צום אויספיר, אז ער איז גאר שולדיג געלט פאר'ן איד... דער הער האט נאכאמאל גרונטליך איבערגערעכנט דעם חשבון, אבער ער האט זיך ווידעראמאל איבערצייגט אז יא! ער איז שולדיג געלט פאר'ן איד און נישט פארקערט. ער האט נישט געהאט קיין ברירה, נאר געדארפט באצאלן א גרויסן סכום פאר'ן איד, און אים פריי-געלאזט.

❧

אמאל איז אריינגעקומען צום ראדשיצער א פארמער, וועלכער האט זיך מתנצל געווען, אז זיינע בהמות זענען גע'גנב'ט געווארן און ער האט נישט קיין פרנסה.

האט דער ראדשיצער זיך אנגערופן בדרך הלצה: "נו, וואס ווילסטו פון מיר? איך האב עס נישט גע'גנב'ט..."

האט דער פארמער געענטפערט מיט א תמימות: "איך וויל אז דער רבי זאל מיר זאגן וואו מיינע בהמות געפינען זיך".

האט דער הייליגער ראדשיצער אנגעצייגט פונקטליך אין וועלכע וואלד זיי געפינען זיך, נעבן וועלכע ביימער זיי זענען צוגעבינדן.

דער פארמער האט זיך ארויסגעלאזט צו דעם פלאץ און געטראפן זיינע בהמות געגנוי דארט ווי דער הייליגער ראדשיצער האט אים אנגעצייגט, און ער האט ווייטער געצויגן דערפון פרנסה.

צווישן די געוויקטע ראדשיצער חסידים המצויינים בתורה ויראת שמים, איז געווען א חשוב'ער איד, וועלכער איז אויך געווען דער בעל תפלה ביים הייליגן ראדשיצער. ער איז געווען א מלמד, אבער זיין פרנסה איז אים געווען זייער בדחקות, און ער איז געווען א גרויסער ארימאן.

זייענדיג אויף די ימים נוראים אין ראדשיץ, איז ער פאר'ן אהיימפארן אריינגעגאנגען זיך געזעגענען פונעם רבי'ן און געבעטן א ברכה.

ווי ערשטוינט איז ער געווען צו הערן אזא אומגערישטע הוראה: "פארלאז דאס מלומדת און גיי אריין אין מסחר".

די ווערטער איז אים געווען א גרויס וואונדער, וואוסענדיג אז אויך דער רבי ווייסט דאך, אז ער איז נישט קיין בעל כשרון אין מסחר. האט ער איבערגעפרעגט דעם רבי'ן וויאזוי ער קען אזא זאך טאן, האט אים דער ראדשיצער געענטפערט, אז דער אייבערשטער וועט שוין העלפן.

יענע נאכט ווען ער איז אנגעקומען צוריק אהיים איז געווען א שטארקע רעגן. אינמיטן די נאכט, קלאפט עמיצער אויפ'ן טיר מיט אסאך בינדלעך סחורה, בעטנדיג אז ער זאל רחמנות האבן און אים אריינלאזן נעכטיגן.

דער סוחר האט פארציילט, אז ס'איז די ערשטע מאל וואס ער קומט אין דעם שטאט, און צוליב די שווערע וועטער האט ער פארשפעטיגט דעם מארק טאג און נישט געוואוסט וואו צו גיין און זוכן זיין אכסני'.

דערביי האט ער אים פארגעשלאגן, אז אזוי ווי ער האט יעצט ביי זיך א זעלטענע מין סחורה און ער ווייסט נישט וואו צו טרעפן סוחרים, דערפאר איז ער אים גרייט דא איבערצולאזן און פארקויפן די סחורה פאר א גוטן פרייז.

געדענקענדיג די הוראה פונעם ראדשיצער, האט זיך דער איד צוגעכאפט דערצו און אפגעקויפט די סחורה. ער האט געמאכט ביזנעס דערפון און אזוי געקענט באצאלן פאר'ן סוחר. זינט דעמאלטס האט ער געהאנדלט מיט דעם סוחר, און ער איז געבענטשט געווארן מיט עשירות.

א יונגערמאן איז אריין צום ראדשיצער און זיך שואל עצה געווען, אז היות ס'האט זיך שוין געענדיגט זיין קעסט ביים שווער און ער דארף האבן פרנסה, אין וועלכע סארט מסחר ער זאל זיך אריינלייגן.

האט אים דער ראדשיצער מייעץ געווען, אז ער זאל גיין נאכזוכן ביי די גרויסע פריצים, און קויפן ביים פריץ ווייץ און פון דעם וועט ער האבן פרנסה.

ער האט געזוכט און זיך נאכגעפרעגט ביז ער איז געוואויר געווארן פון א גרויסער פריץ, וואס טראץ יענער פלעגט האנדלען מיט אידישע סוחרים, פלעגט ער זיי אבער קיינמאל נישט אריינלאזן אינדערהיים, נאר געהאנדלט דורכ'ן פענסטער, און אויף דעם אופן האט אויך דער יונגערמאן אנגעהויבן האנדלען מיט'ן פריץ.

אמאל ווען דער איד איז געקומען פארקויפן תבואה און ער האט געמאכט א חשבון וויפיל דער פריץ דארף באצאלן, האט זיך דער פריץ צעשריגן, אז דער חשבון איז נישט ריכטיג און ס'קומט אים נישט אזויפיל, און ער האט געשריגן, אז ער האקט אפ מיט אים זיין ביזנעס, נישט קענענדיג האנדלען מיט אזא איינער וואס מאכט טעותים.

דער פריץ האט אים ארויסגעווארפן דורכ'ן פענסטער דאס גאנצע סכום געלט, און פון דעם איז ער נתעשר געווארן.

אין שטאט שידלאווצא האט געוואוינט א איד וואס האט געארבעט ביי זיין שווער אין די ביזנעס. איינמאל מעלדט אים זיין שכן, אן ערלית, אז זי האט געהערט פון זיין שווער'ס קינדער, אז זיי פלאנען אים צו פארשיקן פון די ביזנעס נאכדעם וואס זיין שווער וועט נפטר ווערן.

האט זי אים צוגערעדט און גע'עצה'ט, אז אזוי ווי ער איז א גרעסערער אומן פון זיי, זאל ער אפקויפן איר הויז און דארט אויפשטעלן אן אייגענעם פאבריק.

נאכ'ן אפקויפן דאס הויז האט ער געזען אז מ'דארף דאס אינגאנצן פארריכטן, וואס דארף אפקאסטן אסאך מער וויפיל ער האט געצאלט פאר'ן הויז, און ער האט נישט די מעגליכקייט דערצו.

איז ער געפארן קיין ראדשיץ זיך אויסרעדן און מקבל זיין ברכות קדשו פונעם הייליגן צדיק.

האט אים דער הייליגער ראדשיצער געזאגט, אז ווען ער קומט אן אהיים זאל ער בארגן צוויי הונדערטער זהובים און דאס אויפטוישן אויף קליין געלט. די געלט זאל ער אריינלייגן אין א קליין קעסטלע און דאס באהאלטן אין א שאנק, וואס זאל זיין גוט פארמאכט אז קיינער זאל נישט קענען אנקומען דערצו, און ווען ער וועט דארפן געלט זאל ער אריינשטעקן דאס האנט און ארויסנעמען וויפיל ער ברויך, אבער נישט אריינקוקן אינעם קעסטל.

האט דער איד זיך געוואונדערט: "ווער וועט מיך בארגן געלט?" האט זיך דער ראדשיצער צעלאכט, זאגנדיג: "וועסט שוין זען, אז דו וועסט טרעפן פון וועם צו בארגן".

אויפצומארגנס ווען דער איד גייט אין גאס, טרעפט ער ווי א מענטש בארגט געלט אויף ריבית, און יענער רופט אים צו. צוקומענדיג, פרעגט אים דער מענטש "פארוואס ביזטו טרויעריג?" פארציילט ער די גאנצע מעשה בתמימות, האט אים דער מלווה געזאגט: "אויב שרייבסטו מיר אונטער א שטר הלוואה, בין איך דיר גרייט צו בארגן צוויי הונדערט זהובים".

דער איד האט נישט אזוי ערנסט אנגענומען די ווערטער, און ער איז זיך ווייטער געגאנגען. שפעטער אין טאג, האט ער ווידערמאל געטראפן דעם מלווה, גיט אים יענער א פרעג "פארוואס האסטו מיר נישט געברענגט קיין שטר?" האט ער זיך פארענטפערט אז ער האט געמיינט אז ער זאגט עס בדרך צחוק, האט אים יענער געזאגט אז ער מיינט עס זייער אמת'דיג, און אויב ער ברענגט אים שוין א שטר, בארגט ער אים תיכף דאס געלט.

כך הוה, ער האט אים געברענגט א שטר הלוואה, און באקומען דאס געלט. דערנאך האט ער גענומען דעם סכום און אויפגעטוישט אויף קליין געלט, אזוי ווי דער ראדשיצער האט געזאגט. פון די געלט האט ער זיך געקויפט האלץ און אנדערע כלי הבנין, און זיך געמאכט אליינס געשעפטן. ווען ס'איז געקומען דער זמן הפרעון האט ער באצאלט פונעם קעסטלע אין שאנק, און ער האט מער נישט געדארפט צוריקגיין צו זיין שווער'ס ביזנעס, זייענדיג אליינס א שיינער פארדינער.

ס'איז געווען א איד וואס אין זיינע יונגע יארן איז ער ספעציעל אוועקגעפארן צו א ווייטע מדינה און זיך אויסגעלערנט די אומנות פון "באקן", ווי רדיית הפת און אנדערע מעשה אפיה (אמאל האט די רעגירונג נישט ערלויבט סיי וועמען צו האנדלען מיט געבעקס נאר מען האט געדארפט זיין א ספעציעלער בקי אין דעם פאך)

נאכ'ן זיך לאזן גרונטליך פארהערן דעם פאך, האט ער זיך געגרייט צו גיין ערהאלטן א כתב רשות (לייסענס) פון די רעגירונג, אבער קפץ עליו רוגזו של שכינו. זיין שכן, א גוי'אישע בעקער וואס איז געוואויר געווארן דערפון, האט אים אונטערגעלייגט שטיינער אין וועג אז ער זאל דאס נישט קענען באקומען.

איז ער אוועקגעפארן קיין ראדשיץ און ער האט זיך מתנצל געווען פאר'ן הייליגן סבא קדישא, אז ער האט זיך שוין אסאך געפלאגט ביז'ן זיך

אויסלערנען די פאך און זיין גוי'אישער שכן שטערט אים יעצט פון באקומען ערלויבעניש.

האט אים דער ראדשיצער געענטפערט: "זארג דיך נישט, ער וועט נישט צונעמען דיין פרנסה, איך בין זיכער אז ער וועט דיך נאך פארקויפן זיינע כלים".

דער איד איז אהיימגעפארן סמוך ובטוח מיט די הייליגע ברכה פונעם צדיק.

ער האט זיך תיכף ארויסגעדינגען א געשעפט, און ער האט גלייך באקומען אן ערלויבעניש פון די רעגירונג, און ער איז זייער שנעל נתעשר געווארן, ווען אין די זעלבע צייט איז דער געשעפט ביים גוי'אישן בעקער געגאנגען מטה מטה, ביז ער האט פארשלאסן זיין ביזנעס, און פארקויפט פאר'ן איד אלע זיינע כלים, אזוי ווי דער ראדשיצער האט פאראויס געזאגט.

## זרעא חייא וקיימא

בשעת די לוי' פונעם הייליגן סבא קדישא רבי ישכר בער בן רבי יצחק מראדשיץ זי"ע, האט איינער פון די חסידים אריינגעשריגן מיט בכיות אינעם אפענעם קבר: "דער רבי זאל געדענקען מקיים צו זיין די הבטחה!"

א יאר דערויף צום ערשטן יארצייט, איז דער חסיד נאכאמאל צוריקגעקומען אויפ'ן ציון אין ראדשיץ. האט מען אים געפרעגט, וואס ער האט געמיינט מיט די ווערטער וואס ער האט אריינגעשריגן בשעת די לוי'.

האט ער דערציילט, אז ער איז יארן לאנג געווען קינדערלאז ל"ע, און דער סבא קדישא האט אים צוגעזאגט, אז ער וועט געהאלפן ווערן, דערפאר האט ער אריינגעשריגן אז דער רבי זאל געדענקען מקיים צו זיין, זיין הבטחה.

האט דער חסיד אויסגעפירט: "היי יאר בין איך שוין צוריקגעקומען צום ציון, מבשר זיין די גוטע בשורה, אז די הבטחה איז מקוים געווארן".

## ראדשיצער ביה"ח - מה נורא המקום הזה!

לאנגע יארן האט דער שטאט ראדשיץ נישט פארמאגט קיין אייגענעם בית החיים, און ווען א איד איז אוועק פון דער וועלט, האט מען אים געמוזט פירן צו איינע פון די ארומיגע בתי חיים.

א לאנגע צייט האט די אידישע קהלה אין ראדשיץ געזוכט א גוט פלאץ צו מאכן אן אייגענעם בית החיים, ביז מען האט געפינען א פאסיגן ארט וואס האט באלאנגט פאר'ן פריץ פון די געגנט.

דער פריץ האט אבער בשום אופן נישט געוואלט פאראהאנדלען וועגן דעם שטח. וויפיל מאל מען האט אים געבעטן, האט זיך אלץ אנטזאגט און זיך פאר'עקשנ'ט נישט צו פארקויפן די שטח פאר אידן.

איינמאל איז דער פריץ געפארן אויפ'ן וועג מיט זיין משפחה. אנקומענדיג פונקט ביי דעם פלאץ איז זיין וואגן אריינגעפארן אין א טיפן זומפ און מען האט עס בשום אופן נישט געקענט ארויסשלעפן. וויפיל מען האט פרובירט איז נישט געגאנגען. האט דער פריץ געהייסן מען זאל רופן אלע איינוואוינער פון די שטאט, און אזוי פרובירן ארויסשטופן דעם וואגן, אבער ס'האט אויך נישט געהאלפן.

איז צוגעגאנגען א גוי צום פריץ און געזאגט: "כ'האב אן עצה, דא אין ראדשיץ געפינט זיך א גרויסער ראבינער וועלכער באווייזט וואונדער, זאל דער פריץ אים רופן, אז ער זאל עפעס דא באווייזן".

דער פריץ האט אזוי געטאן. ער האט געשיקט שליחים צו לאזן רופן דעם סבא קדישא. האט דער ראדשיצער אים געהייסן איבערגעבן: "אויב ער וועט שוין יעצט אונטערשרייבן א צעטיל אז ער פארקויפט דעם שטח פאר א בית החיים, קען ער ארויסקומען, אויב נישט וועט ער בלייבן דארט איינגעזינקען, און קיינמאל נישט קענען ארויסקריכן".

דער פריץ איז דערציטערט געווארן פון די ווערטער. ער האט שנעל געהייסן ברענגען א פאפיר און אויפ'ן פלאץ האט ער אונטערגעשריבן אז ער איז מסכים צו פארקויפן די שטח פאר א אידישע בית החיים. זאפארט איז דער וואגן ארויס פון זומפ, און דער שטח איז טאקע פארוואנדלט געווארן אין די ראדשיצער בית החיים, וואו דער סבא קדישא איז מיט עטליכע יאר שפעטער נטמן געווארן.

# אגרת יוחסין

## קשר היחוס של מרן הראש ישיבה שליט"א
### לזקינו הרה"ק מרן רבינו
## הסבא קדישא מ'ראדשיץ
### זצוקללה"ה

### הרה"ק הסבא קדישא זצוקללה"ה

א בנו בכורו הרה"ק ר' מאיר משידלאווצא זצ"ל
(שסב"ק הבטיח לו בזה"ל "אז די וועסט מיר העלפן פאר א מקום תורה, וועל איך דיר מכיר טובה זיין, עכלה"ק)

ב חתנו הרה"צ ר' חנינא שיין זצ"ל

ג חתנו הרה"צ ר' שלמה הלוי איש מצליח (גליקמאן) ז"ל

ד בנו הרה"צ ר' משה הלוי גליקמאן ז"ל

ה בנו הרה"צ ר' יהודה (לייב) הלוי גליקמאן ז"ל
(סופר סת"ם של הרה"ק ר' ישעי' מקערעסטיר זצ"ל)

ו בנו הרה"צ ר' יעקב ישכר בער סג"ל גליקמאן ז"ל
(סופר סת"ם ורב דקהל ביהמ"ד דחסידי נאסוד, וראש ישיבה מוסד צוה ישועות יעקב, בעיר טעמעשוואר)

ז בנו הרה"צ ר' אברהם צבי הלוי גליקמאן שליט"א

ח בנו הרה"צ ר' יחזקאל יהודה סג"ל גליקמאן שליט"א
ראש ישיבת תורת אמת ד'ראדשיץ

אמאל איז געקומען א אשה עקרה אויף ראדשיץ, צו נעמען א ברכה פונעם הייליגן סבא קדישא.

שבת צופרי ווען דער ראדשיצער איז געגאנגען אין ביהמ"ד אין באגלייטונג פונעם גבאי, איז פונקט די פרוי אויך געגאנגען אין ביהמ"ד, און זי האט געטראגן אין איר האנט א סידור, האט איר די גבאי אנגעשריגן: "מ'טאר נישט טראגן, ס'איז נישטא קיין עירוב", האט זי געענטפערט בלשון צחות: "איך בין אהערגעקומען געהאלפן צו ווערן, אז איך זאל יא טראגן"...

האט זיך דער הייליגער ראדשיצער אנגערופן: "גוט האט זי געזאגט, זי איז גערעכט". און זי האט טאקע זוכה געווען צו קינדער.

אמאל איז אריינגעקומען צום סבא קדישא א חשוב'ער רב וואס האט ליידער נישט זוכה צו קינדער, און ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ, אז ס'איז שוין אדורך לאנגע יארן פון זיין חתונה און ער האט דערווייל נאכנישט זוכה געווען צו קינדער. ער האט זייער מפציר געווען דעם ראדשיצער, אז זאל אים מבטיח זיין א בן זכר, צוגעבנדיג, אז ער וועט נישט אוועקגיין אן קיין תשובה ברורה.

האט אים דער ראדשיצער געזאגט: "אין דיין שטאט געפינט זיך א פאסטוך וואס איז באוואוסט אלס "חנן'לע דער פאסטוך", און ביי אים וועסטו אי"ה געהאלפן ווערן. אויב ער וועט זיך ארויסדרייען און ענטפערן א תירוץ פארוואס ער קען דיך נישט העלפן, זאלסטו אים זאגן, אז איך האב דיר געשיקט".

דער סדר פון דעם פאסטוך איז געווען, אז ער פלעגט זיך אלץ שטארק אנ'שיכור'ן, און זיך וואלגערן אויף די גאסן פאר שיכרות, און די קינדער פלעגן אים נאכשרייען און מבזה זיין.

ווען דער רב איז אנגעקומען צום דעם "חנן'לע דער פאסטוך", איז ער געווען שיכור, און ער האט געווארט ביז זיין שכרות וועט אויסוועפן. דערנאך האט ער אים פארגעלייגט זיין בקשה, אז ער וויל ביי אים געהאלפן ווערן, האט זיך דער פאסטוך אנגערופן מיט א געלעכטער: "פונקט ביי מיר ווילסטו געהאלפן ווערן, איך בין דאך א שיכור און שפול ומבוזה אין די גאס!!"

האט דער רב געזאגט, אז דער סבא קדישא פון ראדשיץ האט אים געשיקט.

הערנדיג די ווערטער האט ער נישט געהאט קיין ברירה און ער האט אים מבטיח געווען א ישועה, אבער ער האט זיך אויסגענומען, אז ער זאל אים בשום אופן נישט מפרסם זיין אין די גאס.

דער רב האט געזען אז מ'רעדט דא פון א צדיק נסתר, האט ער איינגעשימט אז ער וועט פאר קיינעם נישט דערציילן דערוועגן, און ביז א יאר דערויף האט ער זוכה געווען צו בן זכר.

---

א פארפאלק איז אמאל געקומען בעטן א ישועה אויף קינדער.
אזוי ווי ס'איז זייער שווער געווען פאר די פרוי זיך צו שטופן און ווארטן א לאנגע צייט צו קענען אריינגיין צום צדיק, איז דער מאן קודם אריינגעגאנגען און דערציילט, אז זיי זענען שוין געווען ביי אסאך דאקטוירים און קיינער קען זיי נישט העלפן, און זיי טראכטן פון זיך גט'ן, ווייל וואס האבן זיי פון לעבן צוזאמען אן איבערלאזן א קדיש זאגער.

האט דער ראדשיצער געפרעגט, צי זיין ווייב איז מיטגעקומען, האט ער געזאגט אז יא, אויב אזוי – האט דער ראדשיצער געזאגט – זאל זי קומען צום טיש און אנוועזנד זיין בשעת ברכת המזון.

אזוי האבן זיי געטאן. בשעת דער הייליגער ראדשיצער האט געבענטשט אויפ'ן כוס, זענען זיי ביידע אנוועזנד געווען. נאכ'ן בענטשן האט דער ראדשיצער איבערגעגעבן פאר'ן יונגערמאן שיריים פונעם כוס של ברכה, הייסנדיג אז ער זאל דאס איבערגעבן פאר זיין פרוי, און דערמיט האט זי געהאט די ישועה, ווען ביז א יאר דערויף האבן זיי זוכה געווען צו א קינד.

---

אמאל איז דער ראדשיצער געזעצן מיט'ן מאור ושמש זי"ע און אינאיינעם געגעסן א סעודה ביי א געוויסן בעה"ב אין שטוב.
אינמיטן די סעודה פרעגט דער ראדשיצער דעם בעה"ב: "וואו זענען דיינע קינדער?", האט ער דערציילט, אז זיי האלטן שוין 40 יאר נאך די חתונה און זיי האבן נאר א בת יחידה און זיי האבן נאכנישט זוכה געווען צו א בן זכר וואס זאל קענען זאגן קדיש נאך זייער מאה ועשרים, און ער האט זייער געקרעכצט, אז בדרך הטבע איז נישטא קיין אויסזיכט אז זיי זאלן נאך קענען געהאלפן ווערן.

האט דער ראדשיצער געבעטן, אז ער זאל אריינברענגען משקה צום טיש.
דערנאך האט ער זיך געווענדן צו זיין חבר, דער מאור ושמש, און געבעטן אז ער זאל מסכים זיין צו קענען אויס'פועל'ן א ישועה פאר דעם פארפאלק.

דער מאור ושמש האט מסכים געווען, און דער ראדשיצער האט אנגעוואונטשן א קינד פאר'ן עלטערן פארפאלק, בעטנדיג דעם בעה"ב, אז ער זאל אים קומען מודיע זיין די בשורה טובה אין טאג פון די לידה. וכך עשה, א יאר דערויף איז ער געפארן קיין ראדשיץ איבערגעבן די פרייליכע בשורה, אז ער איז געהאלפן געווארן.

---

דער ראדשיצער האט דערציילט, אז אמאל איז א גוי'אישע פריץ מיט זיין ווייב אריינגעקומען און פארציילט, אז זיי האבן נאכגעהערט פון א אידישע פארפאלק אין זייער געגנט, וואס זענען געווען לאנגע יארן קינדערלאז און זיי זענען געהאלפן געווארן ביים אים, בעטן זיי, אז ער זאל אויך זיי העלפן, נאכדעם וואס זיי זענען שוין לאנגע יארן קינדערלאז און די דאקטוירים קענען זיי נישט העלפן. דערביי האט דער פריץ צוגעזאגט פאר'ן רבי'ן א גרויסער סכום, ווי אויך הנחות פאר די אידן.

האט דער ראדשיצער געזאגט, אז פאר אידישע קינדער האט ער פארשידענע ערליי סגולות, צב"ש וויין פון קידוש אדער הבדלה, שטיקלעך חלה פון המוציא שב"ק, און נאך, "אבער וואס זאל איך ניצן פאר ענק אז ס'זאל העלפן, איין זאך קען איך טוען, איך וועל מתפלל צו זיין צו השי"ת, און ער וועט שוין העלפן".

האט דער ראדשיצער ווייטער דערציילט, אז ער האט זיי געהייסן אויפקאכן עפל, און זי זאל אויסטרינקען די וואסער, און אזוי טאן עטליכע טעג נאכאנאנד, און פון דעם וועלן זיי געהאלפן ווערן.

אזוי האבן זיי טאקע געטאן און זיי זענען געהאלפן געווארן. פון גרויס שמחה איז דער פריץ צוריקגעקומען קיין ראדשיץ מבשר זיין די גוטע בשורה פאר'ן רבי'ן, און ער האט פארגעשלאגן אוועקצוגעבן עטליכע דערפלעך פאר'ן ראדשיצער, אבער ער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון מעשה ניסים, נאר אזויפיל ער האט געבעטן, אז ער זאל געבן הנחות פאר די ארימע אידן אין זיין געגנט.

---

די טאכטער פון הרה"ק רבי משה'לע לעלובער זי"ע איז לאנגע יארן געווען קינדערלאז ל"ע, און זי פלעגט זייער מפציר זיין איר פאטער, אז פונקט ווי ער העלפט אנדערע אידן, זאל ער איר אויך אינזינען האבן. איינמאל האט זי זיך זייער גע'עקשנ'ט און געזאגט, אז זי וועט אים נישט אפלאזן ביז ער וועט איר נישט צוזאגן א קינד.

זעענדיג אז ער קען זיך נישט ארויסדרייען, האט ער איר געזאגט, אז זי זאל גיין צום הייליגן ראדשיצער און דארט וועט זי האבן א ישועה.

הערנדיג די קלארע דיבורים האט זי זיך ארויסגעלאזט קיין ראדשיץ, און זי האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר'ן ראדשיצער, אז זי האלט שוין לאנגע יארן נאך די חתונה און זי האט דערווייל נישט זוכה געווען צו זש"ק, און דערפאר האט דער פאטער איר געשיקט אהער.

דער ראדשיצער האט א כאפ געגעבן א בענקל און אויפגעהויבן קעגן איר, זוכנדיג איר צו דערשרעקן און פארטרייבן, שרייענדיג דערביי מיט א זלזול: "קינדער ווילסטו? גיי ארויס פון דא!"

הערנדיג אזא תשובה איז זי געווארן זייער צעבראכן, און זי איז אוועקגעגאנגען מיט שטארקע בכיות און בושות. איר שוויגער וואס איז מיטגעקומען מיט איר, האט נישט געקענט צוקוקן די צער, און זי האט באשלאסן אז זי וועט שפעטער נאכאמאל אליינס אריינגיין צום צדיק און איבערפרעגן וואס זי האט חוטא געווען.

ווי נאר זי האט אנגעהויבן פארלייגן איר שאלה, האט זיך דער ראדשיצער אנגערופן: "זאג איר מזל טוב, זי איז שוין געהאלפן געווארן. נאר אויף אזא וועג האט געקענט קומען איר ישועה, ס'האט נישט געקענט קומען דורך אן אנדערן אופן".

דערנאך זענען זיי ביידע נאכאמאל אריינגעקומען זיך געזעגענען ביים ראדשיצער, און ער האט איר פערזענליך מבטיח געווען, אז זי וועט אי"ה זוכה זיין צו א בן זכר. וכך הוה, זי האט זוכה געווען צו א קינד, וואס איז שפעטער אויסגעוואקסן אן אדם גדול, ה"ה הרה"צ ר' אלטר מאיר דוד הלוי מוואלבראם זצ"ל.

---

אמאל איז געקומען צום ראדשיצער א איד פון דער שטאט קאליש וואס איז געווען א חשוך בנים ל"ע, און ער האט זיך מתנצל געווען פאר'ן סבא קדישא, אז ער האט שוין אויספרובירט אלע מיני רפואות און ס'האט גארנישט געהאלפן.

האט אים דער סבא קדישא געענטפערט, אז זי איז ליידער אן עקר בטבע ר"ל, און דערפאר האט ער נישט קיין עצה פאר איר.

דער איד האט אויסגעפלאצט אין א געוויין, און ער האט זיך געבעטן בדמעות שליש, זאגנדיג, אז ער וועט נישט אוועקגיין ווילאנג דער רבי וועט אים נישט צוזאגן אז ער וועט געהאלפן ווערן.

דער ראדשיצער האט רחמנות באקומען, און ער האט געזאגט: "אויב אזוי וועל איך דארפן דא טוען קעגן די טבע". און ער האט אים געגעבן עפעס א סגולה. דערנאך האט ער אים געפרעגט וואס זיין בקשה איז, האט ער געזאגט, אז ער וויל געהאלפן ווערן מיט א בן זכר דוקא.

האט דער ראדשיצער געזאגט, אז ער זאל צוריקקומען נאכ'ן דאווענען.
דער איד איז שפעטער צוריקגעקומען, און דער ראדשיצער האט געזאגט:

"כ'האב אויפגעזוכט פאר דיר א נשמה פון היכל הנשמות, און ווערסט אי"ה געהאלפן ווערן מיט א בן זכר". דערביי האט ער זיך אויסגענומען, אז ווען דאס קינד וועט געבוירן ווערן, זאל ער אים קומען מכבד זיין מיט סנדקאות.

ווען ס'איז אנגעקומען דער לאנג-ערווארטעטער טאג, האט ער באקומען א רוף פון דער רב פון זיין שטאט קאליש, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים מכבד זיין מיט סנדקאות אן קיין שום טענה ומענה.

קודם האט ער נישט געוואלט הערן דערפון, זאגנדיג אז ער האט דאס שוין צוגעזאגט פאר'ן סבא קדישא מראדשיץ, אבער ווען דער רב האט נישט געוואלט הערן דערפון, און ער האט אים געשריגן אז דער רב פון די אייגענע שטאט האט א דין קדימה, און ער האט זיך נישט געקענט אקעגנשטעלן, האט ער אים דאס צוגעזאגט. ליידער נאך עטליכע וואכן איז דאס קינד קראנק געווארן און נפטר געווארן ה"י.

דער איד האט פארשטאנען אז דאס איז נישט געקומען בחנם, נאר ווייל ער האט נישט מקיים געווען די הבטחה פונעם ראדשיצער, און ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין פויזנא צו הגה"ק רבי עקיבא אייגער זי"ע, און ער האט אים פארציילט די גאנצע מעשה.

רבי עקיבא אייגער זי"ע האט זיך צעקרעכצט און געפרעגט: "פארוואס האסטו נישט אויסגעפאלגט דעם הייליגן ראדשיצער, קוק וואס דו האסט געטאן, האסט זיך בידים שאדן געמאכט". האט ער פארציילט אז דער רב האט אים גוזר געווען אז די סנדקאות קומט אים פאר'ן סבא קדישא.

האט רבי עקיבא אייגער געענטפערט: "ניין, ס'איז נישט אזוי, אויב דער סבא קדישא האט דיר ממשיך געווען די נשמה, באלאנגט נישט די סנדקאות פאר קיין צווייטן נאר פאר'ן סבא קדישא אליין".

דער איד האט זייער געוויינט און זיך געבעטן אן עצה, זאגנדיג, אז ער האט מורא צו פארן קיין ראדשיץ איבערצובעטן דעם סבא קדישא, און ער האט זיך געבעטן ביי רבי עקיבא אייגער, אז ער זאל אים העלפן מיט א בן זכר.

האט אים רבי עקיבא אייגער געענטפערט: "ממשיך צו זיין א בן זכר פון דעם היכל הנשמות, קען נאר דער סבא קדישא, אונז קען מיר נישט דאס, נאר איך קען דיך העלפן מיט טעכטער". וכן היה, אז ס'איז אים געבוירן געווארן צוויי טעכטער.

⁂

אשת הרה"ק ר"ר עמנואל מפשעדבארז זצ"ל, א טאכטער פון הרה"ק רבי ישראל זי"ע, א זון פון הרה"ק מרן החוזה מלובלין זי"ע, איז געהאלפן געווארן אויף א וואונדערליכן אופן ביים הייליגן סבא קדישא זי"ע, מעשה שהיה כך היה:

דער סבא קדישא האט איר געזאגט אלס א סגולה, אנצוטאן א טלית קטן מיט כשר'ע ציצית, און ארומגיין דערמיט ביז זי וועט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר.

אזוי האט זי געטאן. זי איז געגאנגען מיט א טלית קטן מיט כשר'ע ציצית, ביז זי האט טאקע זוכה געווען אז ס'איז איר געבוירן געווארן זש"ק.

⁂

אמאל איז געקומען א גוי'אישע הער פון א גרויסע געגנט צום הייליגן סבא קדישא רבי ישכר בער מראדשיץ זצוק"ל, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל מתפלל אז ער זאל האבן א קינד.

האט זיך דער הייליגער ראדשיצער אנגערופן פאר די ארומיגע, אז ס'איז ידוע, אז ווען ס'איז געקומען א גוי צום קאזניצער מגיד בעטן א ישועה פאר קינדער, האט דער מגיד געזאגט מיט דעם לשון: "רבוש"ע, האסט דאך צענדליגער טויזנטער גוים אויף דיין וועלט, וועסטו האבן נאך איינס, און אזוי זענען זיי געהאלפן געווארן", "אבער איך – האט דער ראדשיצער פארגעזעצט – האב נישט דער כח צו בעטן מיט דעם לשון, נאר איך בין געצווינגען זיך ארויסצודרייען מיט א אנדערע עצה, כדי ס'זאל נישט ארויסקומען קיין חילול שם שמים".

דערויף האט זיך דער ראדשיצער אנגערופן פאר'ן גוי'אישן הער: "הער אויס מיין עצה און אזוי זאלסטו טוען. אין דיין פעלד איז דא אסאך פוסטע ביימער, צווישן די קען מען טרעפן פירות וואס ווערן קיינמאל נישט געצייטיגט, נעם פון די פרוכט, און קאך עס אויף אין א נייע טאפ מיט אסאך עפלעך און אביסל וואסער. לאז עס קאכן פאר זעקס שעה נאכאנאנד, און די וואסער זאלסטו און דיין פרוי טרונקען בייטאג און ביינאכט פאר דריי טעג, און אויב דו וועסט אזוי טוען וועסטו געהאלפן ווערן".

נאכדעם וואס דער הער איז ארויסגעגאנגען פונעם שטוב און אהיימגעפארן מיט א צופרידנהייט, האט דער ראדשיצער געזאגט, אז ס'איז ממש נישט מעגליך אז א מענטש זאל אויסטרונקען אזא וואסער, ווייל ס'איז געפערליך ביטער, און דערפאר האט ער דייקא געגעבן די עצה, וואוסענדיג אז ער וועט עס נישט קענען אדורכפירן, און במילא וועט ער זיך אליינס שאדן מאכן.

למעשה, פון גרויס זיכערקייט אין די ווערטער פונעם צדיק, און פון גרויס גלוסטעניש אויף קינדער, האט דער הער פונקטליך מקיים געווען וואס דער ראדשיצער האט אים געהייסן, און א יאר דערויף זענען זיי געהאלפן געווארן מיט א קינד. געציילטע חדשים שפעטער זענען זיי געקומען צו פאר'ן מיט נייעם קינד קיין ראדשיץ, אפצוגעבן א דאנק פאר'ן סבא קדישא פאר זיין וואונדערליכע מופת.

⁂

הרה"ק ר' אשר זשעליחובער זצ"ל איז אמאל געפארן אינאיינעם מיט זיין רעביצין קיין ראדשיץ, און זיך מתנצל געווארן פאר'ן סבא קדישא, אז זיי האבן אסאך שוועריגקייטן פארוואס זיי זענען נישט זוכה צו זש"ק, האט דער ראדשיצער אויפגעהויבן זיין גארטל פונעם טיש און ער האט דאס אים אהינגעגעבן, זאגנדיג: "נעם דיר די גארטל, און גיב עס איר איבער", צוגעבנדיג: "זי זאל גיין דערמיט במשך די חדשי עיבור, און ביים ניינטן חודש ווען זי וועט אנהייבן שפירן חבלי לידה, זאל זי דאס אויסטאן און ס'וועט אלעס אדורכגיין לחיים ולשלום אן קיין שום פגע ומכשול" – דערויף האט דער הייליגער צדיק מוסיף געווען – "פונקט ווי ס'איז אוממעגליך אז די הימל זאל פאלן צו דער ערד, דאס זעלבע איז אוממעגליך אז זי זאל מפיל זיין בשעת'ן גיין מיט דעם גארטל".

וכך הוה, זי איז געגאנגען מיט דעם הייליגן מלבוש פונעם צדיק, און פון דעמאלטס האט זי זוכה געווען צו זרעא חייא וקיימא.

⁂

א איד וועלכער האט מיטגעמאכט אסאך פראבלעמען בעניני זש"ק, האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר'ן צדיק, אז די קינדער האלטן זיך אים נישט ל"ע, און ער דארף א ישועה.

האט אים דער סבא קדישא געזאגט, אז ווען זיין ווייב וועט האלטן נאנט צו די לידה, זאל ער אריבערקומען צו אים אין שטוב.

אזוי האט ער געטאן, ביים ניינטן חודש איז ער זיך געקומען מזכיר זיין, האט אים דער ראדשיצער געפרעגט וואס איז דער נאמען פון זיין פאטער, האט ער געזאגט אז ער האט געהייסן "ירמי'". האט ער באפוילן אז ער זאל רופן דאס קינד מיט דעם נאמען "ירמי'" און אויך צוגעבן "חיים". דאן האט ער אים אנגעוואונטשן, און געענדיגט מיט'ן פסוק "ובני דן חושים", נישט געבנדיג צו פארשטיין דעם באדייט.

מיט א קורצע צייט שפעטער איז אים געבוירן געווארן א קינד, וועמען ער האט טאקע א נאמען געגעבן "חיים ירמי'", און דאס קינד האט זיך אים געהאלטן געזונט און שטארק.

דער פשט פון פסוק האט ער אבער נישט פארשטאנען, און יעדער האט פרובירט אריינצולערנען פארשידענע בחינות און רמזים. צווישן אנדערע האבן חסידים אויסגעטייטשט דעם רבי'נס רמז, אז כאטש דן האט נאר געהאט איין קינד "חושים", דאך איז פון אים ארויסגעקומען אסאך קינדער און א גרויסער שבט מישראל. מיט די יארן האט מען טאקע געזען ווי דאס האט דער צדיק געמיינט, ווען דער איד האט נאר געהאט דעם איינעם קינד "חיים ירמי'", און פון אים האט זיך ווייטער געצויגן אסאך דורות.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

# מכתב קודש מהרה"צ הראש ישיבה שליט"א
## למען הצלת בית החיים בעיר ראדשיץ, פולין


יחזקאל יהודה סג"ל גליקמאן
רב ור"מ
ישיבה ומתיבתא תורת אמת ד'ראדשיץ
קרית יואל יצ"ו

Rabbi Cheskel Y. Glickman
2 Tzfas Rd. #201 Monroe NY 10950
845-782-2096


בעזהשי"ת

**אל שלומי אמוני בני ישראל בכלל ולאנ"ש בפרט, כ"א בשמו יבורך ויהולל.**

באתי בזה על דבר בית החיים בעיר ראדשיץ - פוילין, מקום מנוחת כק"ז הס"ק מראדשיץ זצ"ל, **אשר בחר בעצמו בחיים חיותו מקום מנוחתו**, בדרך נס ופלא, ולמרבה הכאב כבר עשרות שנים הוא במצב הצריך תיקון, וככל שהזמן עובר העזובה רבה והולכת, וזעקת שוכני עפר עולה עד לשמים.

ברם זכור אותו האיש לטוב ש"ב הרה"ח ר' **יוסף עקשטיין** הי"ו מנהל מוסד "דור ישרים", אשר לפני כשלשים שנה, זכה להתעסק בקדשים ע"פ עצת רביה"ק מסאטמאר בעל ויואל משה זצ"ל, וע"י הדרכת כש"ב כ"ק אדמו"ר הרה"צ מוואדיסלאב זצ"ל, ויגע ומצא מקום ציון המצויינת, גם חפש אז אחר גבולות האהל אשר היה שם בתחלה, והעמיד אהל חדש לכבוד הצדיק זי"ע, וגם גדר אז את בית החיים עד כמה שהי' אפשר בזמנים ההם, וזכה ע"י זה לראות ישועה נפלאה כידוע ומפורסם, ובודאי זכות זה יעמוד לו לדורי דורות להתברך בכל מילי דמיטב.

והנה אחרי אשר תלי"ת נתרבו לאחרונה הנסיעות לשם, להפקד בדבר ישועה ורחמים בזכות הקדושים אשר בארץ המה, ובהגיעם לראדשיץ נשתוממו הרבה אנשים למראה עיניהם, לראות עצמות קדושות מתגוללות כדומן על פני האדמה, וגם אני הק' כשהייתי שם עסקתי בקבורת עצמות אשר היו מונחים בבזיון נורא רח"ל, ואם לא יעשה שם בקרוב תיקון גדול גם ציון הקדוש עומד בסכנה, כי האהל הוא עראי, וגם כל בית החיים עומד בסכנת שטפון ח"ו.

ובחסד ה', ברבות הימים נוסד "ועד הפועל" וגם "ועד בעלי בתים" עסקנים חשובים, שהכניסו את עצמם בכל נפשם ומאודם לעשות למען שוכני עפר ולמען הבית החיים, ה"ה ידידינו היקרים שנכנסו לעובי הקורה, ואלה האנשים אשר נקבו בשמות, בראש וראשון **ה"ה הרבני הנגיד מר דודי מו"ח היקר מוה"ר יושע וואלף** ברח"ל **גרינפעלד שליט"א**, וחביריו שנמנו לדבר מצוה הנשגבה הלזו, הרב **דוד זינגער** נ"י, ומוה"ר **שמואל שפיטצער** הי"ו, ואתו עמו מוה"ר **משה לאנדא** הי"ו, ומוה"ר **אברהם ברוך בראך** הי"ו, אשר השליכו נפשם מנגד, והמה עומדים בראש המגבית לאסוף סכומים הגונים מאחינו בית ישראל, לשמור משמרת הקודש להציל את בית החיים מכליון ח"ו. ולעשות כל מה שביכולתם לתקן את הבית החיים, ולהעמיד גדר חזק שיקיף את כל השטח, ובציפיותינו ציפינו גם אוהל חדש על מקום ציון המצויינת של כק"ז סב"ק זצוקללה"ה, אחר שכבר מצאו בעזהשי"ת היסודות הישנות כפי שהי' אז.

כשהענין נתקרב יותר לצאת אל הפועל, הביאו לשם כמה מומחים לחפש אחר גבולות בית החיים המדוייקים, ולדאבון לב נמצא שגם דרך הרבים עוברת על שטח בית החיים, והשטח הוא גדול מאד, לכן צריכים סכומים גדולים כדי שהכל יבא על מקומו בשלום.

ומחזקינא טיבותא לידיד ה' וידיד נפשי **לכ"ק אדמו"ר הרב הצדיק מקראלי שליט"א**, שמלפני עשר שנים העעל"ט, שהתחלתי לדבר אתו אודות כק"ז סב"ק מראדשיץ זצ"ל, השליך נפשו בכל נימי לבבו לק"ז הס"ק מראדשיץ זצ"ל, ועומד עתה בראש כל הפעלים, יומם ולילה לא ישבות להצלת בית החיים, ובודאי יעמוד לו זכות הצדיק להתברך בכל מילי דמיטב, לעמוד בראש עדתו להרבות פעלים לתורה וחסידות, בהרחבת גבולי הקדושה, ורוב נחת מכל יוצ"ח.

**ומכאן הקריאה יוצאת לכל אנשי שלומינו, ולכל אשר שמע הס"ק מראדשיץ זי"ע הגיע לאזניו, להשתתף ברוח נדיבה וביד רחבה, ובפרט בימים אלו בהתקרב האי יומא אשר בצל כנפיך יחסיו"ן** (ח"י סיון), **יומא דהילולא קדישא של ק"ז הס"ק מראדשיץ זצוקללה"ה, כדי שיוכלו העסקנים לגמור את כל המלאכה בכי טוב,**

וכדאי הוא זכות המצוה להגן על כל המשתתפים להושע בכל מילי דמיטב, ובטוח אני בזכות ק"ז הצדיק אשר רבים נושעו על ידו בכל מיני ישועות ורפואות, וישנם סיפורים למאות אותות ומופתים, בזיווגים, זש"ק, פרנסה בריוח, נחת, רפואה שלימה, ועוד. אשר נפעלו בזכות הצדיק, וק"ו בנידון דידן אשר הוא זקוק לעזרתינו, ובודאי לא ינוח ולא ישקוט בגנזי מרומים שיוושעו כל המסייעים ושימלאו כל משאלות לבם לטובה, **וכידוע מה שהבטיח מרן ק"ז לפני פטירתו שעוד יגיע עת שיבואו אנשים אליו ויבקשו ישועות, ויוושעו אפילו שלא ישמעו ממנו שום מענה!**

השי"ת ברוב רחמיו וחסדיו יעזרנו על דבר כבוד שמו, להושיענו בקרוב בישועתו הכללית והפרטית, ויקוים בנו מקרא שכתוב הקיצו ורננו שוכני עפר, בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

הכו"ח למען כבוד אבותי ורבותי הק', היום יום המיוחס ב' סיון תש"ע לפ"ק

יחזקאל יהודה סג"ל

יחזקאל יהודה הלוי גליקמאן
רב ור"מ
ראדשיץ
ישיבה תורת אמת

# מים חיים של רביה"ק הסבא קדישא זצוקללה"ה שנתגלה לאחרונה




בעת שנתפרסם שמו של מרן הסבא קדישא בעולם ובאו אליו מארבע פנות העולם, שפעם אחת אירע שבמשך כמה שבועות נאספו יחדיו בערך ארבע מאות חולים מסוכנים, ולא היה לו להרה"ק פנאי להפנות אליהם ולתת לכל אחד תרופה לנפשותם, כי קשה היה לו לבטל שיעוריו הקדושים הקבועים לו, אשר ע"כ קרא למשמשו ר' נחמן וצוהו להכריז בכל העיר ואצל כל האכסניות אשר החולים התאכסנו שמה, שלמחר בשעה שלישית אחה"צ עד שעה רביעית יבואו כל החולים לבאר מים חיים הנמצא סמוך לביתו, ושם יתן לכולם תרופתם לנפשותם, וכן היה, למחר בשעה זו נאספו כל החולים להבאר ההוא והיה בינם הרבה מהם שלא יכלו ללכת והוכרחו להובילם שמה עם עגלות קטנות, והסבא קדישא צוה לקחת שני אנשים גבורים שישאבו מים מהבאר ההוא כל אותו השעה, ויחלקו לכל החולים שישתו מהמים וגם שירחצו מהם, וכן עשו וכולם נתרפאו ממעיני הישועה, ובתוך בין החולים היו נמצאו אנשים שפקפקו בזה, והיו מאמינים ואינם מאמינים שלמחלת קשים ואנושים כאלה יועלו המים ההם לרפאותם ממחלתם, ולא עשו כאשר פקד עליהם רבינו זצ"ל, ואחר כך באו אל מרן הסבא קדישא שיתן להם תרופה, והישב להם רבינו הק' אני התפללתי אל השי"ת שימתיק לי המים להיות לרפואה על שעה אחת שאוכל לרפאות בהן החולים שבאו אלי, שהיו המתינו עלי זה כמה שבועות, כדי שלא אצטרך לבלות זמני ולבטל את שעורים הקבועים שלי, והשם יתברך ריחם עלי וחנני בזה ששלח לי מים חיים מבארה של מרים, ועתה אם לא האמנתם בי לקחת מים חיים מהבאר ההוא כשאר חולים והלכתם בהתחכמות אם כן אין לי לעת עתה שום עצה עבורכם והלכו בפחי נפש.

(כידוע שרבינו הק' היה מקפיד מאוד על אלו שהלכו בהתחכמות, ואמר בלה"ק ווער עס גייט מיט התחכמות ווערט דערווייטערט פונעם אייבערשטין" עכלה"ק)

דרכו של מרן הסבא קדישא זי"ע לרפאות להחולאים הבאים אליו ברפואות שונות לזה נתן שיריים מפריסת המוציא שלו, ולזה ממי הבאר אשר הי' לו בבית נמשך ע"י שפופרת של קנה מהבאר אשר הי' סמוך לביתו ונתן לכל אחד מן החולאים זכוכית מים ומיד נתרפאו כל ששתה מהמים הלז ויהי זאת לנס ולמופת לעין כל, ובראות הסבא קדישא זי"ע שאנ"ש תמהו ע"ז ענה ואמר להם הלא זהו מרומז בתוה"ק ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך, דאם עובדים את השי"ת ככתוב בתורה אז בירך השי"ת את הלחם ואת המים שלו, שיהי' ביכלתם לרפאות עי"ז לכל מיני חולאים שבעולם, עכלה"ק.

# מנהגי הסבא קדישא זי״ע

א) היה מהדר לשמוע בכל יום ברכות השחר מיאזה נערים או אנשים גדולים ולענות אחריהם אמן. ומאד הזהיר לבניו ונכדיו שיאמרו הברכות בפניו שיענה אמן אחריהם.

ב) לנכדיו הקטנים היה מחלק בכל יום עשרה "גדולים" של כסף, עבור כל ברכה וברכה שענו אחריה אמן.

ג) בקריאת שמע היה נוהג לומר בלחש מאד, מהשמרו לכם פן יפתה לבבכם עד ושמתם את דברי אלה.

ד) הקפיד על הנשים שהיו אומרות תחינות הנדפסים בלשון אשכנז, ועל כל תחינות שלא נודע בבירור מי חיברו, ולפעמים כשבאו אילו אנשים או נשים הצריכים לישועה אשר הכיר אותם לחרידים וצנועים (פרימע) שאל אותם אם אומרים תחינות ציום שלא לאומרם.

לבנותיו וכלותיו ונכדותיו צוה שלא לומר התחינות הנדפסים בזארגאן רק התפילה הקדושה של הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע וכדומה, העתיק להם בלשון אשכנז שיבינו.

ה) היה מתנהג שלא לנשק אף לבניו ובנותיו הקטנים מעולם, וכן בניו ונכדיו הקדושים היו זהירים בזה.

ו) הקפיד שלא להשתמש עם בר אוריין אפילו היודע פרשה אחת שבתורה, לא השתמש בו, ופעם שמשו אדם שהיה סובר שהוא עם הארץ ואחר כך ראה שהבין חומש עם פרש"י ולא רצה יותר להשתמש בו.

ז) לא הקפיד ליטול ידיו בין אכילת דגים לאכילת בשר משום חשש סכנה, פעם אחד אירע אצלו שנפל חתיכת דג בתוך קערה עם רוטב לאחד מן המסובין, ולקח רבינו את החתיכת דג מתוך הרוטב וצוה לאכלו באומרו שבזה האלף (אלף הששי) אין סכנה.

ח) הקפיד מאד על בני ביתו ועל האנשים הנלוים אליו הסרים למשמעתו שלא ילכו כדרך המאדע [=האופנה], ושלא ישנו כחוט השערה הן בענין הלבוש והן בשאר מנהגי ישראל משנים קדמוניות, והיה מקפיד על החסידים שסילסלו הפיאות כדרך המאדע והמשכילים.

ט) בשבת לבש בגדי משי לבנים כמנהג האר"י ז"ל.

י) אחר תפילת של שבת לא אמרו ברכו בבית מדרשו וכן המנהג היום, אצל הראש ישיבה שליט"א, ואדמו"י מ'ראדשיץ בא"י.

יא) בכל ליל שבת קודש קודם קידוש היה דרכו לילך יטבול במקוה, מלבד הטבילה שטבל קודם כניסת השבת. וכן נהג ביום טוב. וכן קודם כל דבר מצוה כגון הדלקת נר חנוכה, קריאת המגילה, וסעודת פורים וכדומה.

יב) בכל שבת קודש סידר על שלחנו הטהור י"ב חלות כמנהג האר"י ז"ל.

יג) בליל שבת נהג אחר כל המאכלים לאכול פערפיל צימיס הנקרא בפי כל "בעל שם"ס צימיס, וכן הוא המנהג אצל רוב הצדיקים וקבלה בידם שכן היה הנמהג אצל הבעש"ט זצ"ל.

יד) בליל שבת היה נעור כל הלילה באומרו, אם כל העולם ישנים מי יהיה ער ולכן מוכרח אני להיות ער.

טו) ביום שבת קודש היה המנהג לאכול אצלו בהטמנה רוטב עם קאשיע, אשר היה ענין גדול אצל גדולי הצדיקים הקדומים זי"ע אשר הרבה צדיקים נהגו כן.

טז) בכל ערב ראש חודש התועד יחד עם הרה"ק רבי ירחמיאל מפרשיסחא בן היהודי הק' במקום מיועד אצל הנהר בין פעשעדבראז לראדשיץ ושם יצא מבין שניהם איך יתנהג העולם בחודש הבא.

יז) נהג לערוך סעודה בכל ראש חודש עם חסידיו.

יח) במוסף יום הכיפורים היה אמור "אמיץ כח" בסדר העבודה כנוסח אשכנז וכן נהגו בניו ונכדיו הקדושים זי"ע (וכן המנהג היום אצל נכדיו הצדיקים שיחי' נצח יופיע קרנם.

יט) בימים הנוראים ושמחת תורה הלך להתפלל עם חברייא קדישא דליה בבית המדרש של הקהל.

כ) מר"ח אלול ועד אחר שמחת תורה עזב את ביתו, וקבע דירתו בבית המדרש של העיר (דירתו היתה בחדר שסמוך לבית המדרש אשר נקבע אח"כ לבית תלמוד תורה), וכמעט שלא נתן שינה לעיניו בימים אלו.

כא) היה מתנהג שבכל חג הסוכות צוה להעמיד בתוך סוכתו עוד כסא אחד מיוחד עבור האושפיזא קדישא.

כב) בבית מדרשו של רבינו הנהיג מרן שלא יעלו הכהנים לדוכן ביו"ט שחל בשבת (חוץ מיום הכפורים שחל בשבת, עולים).

כג) נהג להדליק נר חנוכה גם ביום קודם תפלת שחרית בבית מדרשו. ונתן שמן שיהיה דולק והולך עד אחר חצות היום שאז גמור תפילתו. וכן נוהגים בניו ונכדיו הצדיקים הקדושים זי"ע.

כד) בכל שנה ב־ה' אב עשה סיום מסכתא, ואכל סעודה של בשר ויין עם תלמידיו.

כה) היה רגל לעשן "לילקא ציבעד" וידוע שבכל זמן שהיה לו לתקן ענין קשה או לבטל גזירה רעה היה דרכו לסגור עצמו בחדרו ולעשן. ועישן זמן רב והלך אנה ואנה והיה מיחד יחודים עד שבטל הגזירה.

כו) הקפיד על האנשים הגאים והרחקים מעל פניו עד קצה האחרון אפי' שהיו לומדים או חסידים.

כז) החמיר מאוד בענין התמנות שו"ב שיהיה יר"ש באמת לאמיתו, רק אז נתן לו כתב קבלה על שו"ב.

כח) צריך להקפיד לקנח הסכין שמחתכין בו הצפרנים קודם נתינתו לאדם אחר משום סכנה.

כט) היה מרגלא בפומא דרבינו לומר שקידש כל חדרי ביתו בקדושת ארץ ישראל, ואפילו עץ הנרקב מכותלי הבית שנפל לארץ גם כן לא השליך ונהג לגנוז כמו תשמישי קדושה הנגנזים.

# סגולות ורפואות

**לעין הרע** לומר הפוסקים המתחילים באות נון ומסיימים באות נון. (נמצא בזמירות מוצאי שבת)

תפילה בציבור היא סגולה לפרנסה.

**לזרע של קיימא – ולאריכת ימים**, צוה רבינו שיקרא לבניו שם משמות חיות השדה לסגולה שיתקיימו בניו כגון, צבי, זאב, וכו'. והארך ימים והוליד בנים ובני בנים חיים וקיימים.

היה דרכו לצוות להרבה אנשים שסבלו **מכאב שינים** שיקבלו עליהם שלא לאכול גבינה בערב שבת, והועיל להם שלא סבלו עוד כאב שינים.

**סגולה לבנים** שתלבש טלית קטן מצויצת כשרה עד שתושע בבן זכר.

**שלא תפול פרי בטנה**, נתן לה רבינו חגורה מלבושו לחגרה במשך כל ימי עיבורה וכשתרגיש חבלי לידה תסיר אותה ואמר כשם שאי אפשר השמים לארץ יגיעו כך אי אפשר שתפיל הוליד בעת שתשא חגורה זו.

לרבינו היה צלוחית שמן שבה ריפא חולים, וכן להחיות מתים.

בחצר ביתו היה באר שבה ריפא מאות חולים. (עיין בדף י"ט – תמונת הבאר)

**לחשוכי בנים** היה מיין של קידוש או הבדלה, או חתיכת המוציא מחלה של שבת קודש, וכדומה.

**לקיים ממצות ברית מילה בזמנה**. לשתות וליסוך את התינוק עם מי גשמים של ספירה ובפרט מחודש אייר.

**לינצל מכל צרה**, לצייר לפניו צורת קדשו מרבו.



בס"ד
לעשות
רצון צדיק
דער סבא קדישא זי"ע האט מבטיח געווען פאר
בנו הרה"ק ר' מאיר זצ"ל בלה"ק
"אז די וועסט מיר העלפן פאר א מקום
תורה וועל איך דיר מכיר טובה זיין"...
סגולה
נפלאה
19
זייט מנדב א סכום
הגון מיט'ן נומער
אין ביומא דהילולא קדישא וועט
"אייער קוויטל"
ארויפגעטראגן ווערן למקום מנו"כ
סגולה נפלאה
בדוק ומנוסה לכל
למדב סכום של "יפי"
לע"נ הרה"ק
רבי ישכר בער בן רבי יצחק
ישיבה ומתיבתא
"תורת אמת" ד'ראדשיץ
רופט:
845.783.6710
ביומא
דהילולא קדישא
ח"י סיון
מסבא קדישא
מראדשיץ זי"ע

# בדידי הוי עובדא...

**וואונדערליכע ישועות אין די היינטיגע צייטן בזכות הרה"ק הסבא קדישא זי"ע**
**איבערגעגעבן פערזענליך דורך די בעלי העובדות**

### געשלאסן די קעיס...

מיט ארום 10-15 יאר צוריק האב איך באקומען אן "אודיט" איבער געוויסע פערזענליכע פינאנציעלע אנגעלעגנהייטן, וואס אין פאל פון אנטדעקטע סתירות אדער פארלעצונגען, וואלט זיך דאס געקענט ענדיגן מיט אומאנגענעמע קאנסעקווענצן וד"ל.

ווי דער סדר ביי אזעלכע פעלער האט מען מיך גערופן אויף עטליכע אינטערוויוס, וואו מען האט מיך פארגעלייגט מערערע שווערע פראגען און גרונטליך פארהערט.

ויהי היום, ממש פאר די לעצטע אין די סעריע אינטערוויוס, האב איך בהשגחה עליונה פונקט אנגעטראפן א איד, א בעל צדקה וגמ"ח, וועלכער האט געהאנדלט מיט גרויסע געלטער, און זייענדיג איינער וועלכער איז זעלבסט אדורכגעגאנגען דאס זעלבע עגמת נפש און איז ב"ה ניצל געווארן אין זכות פון הייליגן ראדשיצער זי"ע, האט ער מיך מייעץ געווען, אויסצופרובירן די אור-אלטע הבטחה און מפריש זיין דעם סכום פון "19", לע"נ הרה"ק רבי ישכר בער בן רבי יצחק מראדשיץ זי"ע, וואס איז א סגולה בדוקה פאר כל מיני ישועות.

כך עשיתי, איך האב אנגעהויבן מפריש זיין יעדן טאג דעם סכום פאר צדקה לע"נ דעם הייליגן ראדשיצער זי"ע, והיה לפלא גדול, אז ביז א קורצע צייט שפעטער האב איך ערהאלטן פון זיי א שריפטליכע מעלדונג, אז זיי זעען נישט קיין שום פראבלעם אין מיינע פינאנציעלע געשעפטן, און די קעיס ווערט געשלאסן.

יושע וואלף גרינפעלד,
וויליאמסבורג יצ"ו

### געהאלפן געווארן נאך 15 יאר...

לאנגע יארן האב איך ליידער נישט זוכה געווען צו זש"ק. במשך די יארן האב איך אויספרובירט פארשידענע מיני עצות און סגולות, אבער ליידער איז מיר נאכנישט באשערט געווען צו הערן דעם מזל טוב!

צוויי יאר צוריק האב איך באשלאסן צו פארן מתפלל זיין ביים ציון פונעם הייליגן ראדשיצער זי"ע, וועלכער האט מבטיח געווען, אז אידן וועלן געענטפערט ווערן אפילו מ'וועט נישט הערן זיין קול, מיינענדיג אנצודייטן אויף לאחר הסתלקותו.

אנקומענדיג אין ראדשיץ האב איך פונקט געטראפן א מנין אידן מתפלל זיין ביים ציון. האב איך מיר ערלויבט און געבעטן פון אלע אנוועזנדע, אז מ'זאלמיר ביטע טוען א טובה, און אוועקגעבן כאטש פינף מינוט, מתפלל צו זיין פאר מיין בקשה, האפנדיג בכוח תפילת הרבים מעורר רחמים צו זיין און אויס'פועל'ן א ישועה ביים צדיק.

ארויסקומענדיג פונעם אוהל, האב איך געשפירט ווי ס'איז מיר אראפ א שטיין פון הארץ און איך בין א געהאלפענער. פון גרויס שמחה און בטחון האב איך מיך אפילו אנגערופן פאר'ן עולם "איך שפיר אז איך בין שוין א געהאלפענער..."

און ווירקליך אזוי. די ישועה איז טאקע ב"ה געקומען בזכות הצדיק, ווען ביז א יאר דערויף האב איך ב"ה זוכה געווען צו א לעבעדיג קינד בשעה טובה ומוצלחת.

משה צבי רובין
וויליאמסבורג יצ"ו

### קיין זכר פון א קעיס!

מיט א קורצע צייט צוריק האט איך פערזענליך בייגעוואוינט א וואונדערליכע ישועה אין זכות פונעם הייליגן סבא קדישא רבי ישכר בער מראדשיץ זי"ע, ומעשה שהיה כך היה:

אמאל פארנדיג אויפ'ן וועג האט מיר א פאליציאנט אפגעשטעלט, און אז מ'זוכט טרעפט מען... ער האט אנטדעקט עטליכע פארלעצונגען און אויפ'ן פלאץ אויסגעשריבן פינף הארבע טיקעטס, אויף וואס ס'האט מיר גערדאעט ערנסטע קאנסעקווענצן מיט אסאך עגמת נפש!

זעענדיג אז ס'איז נישט קיין קינדער שפיל, און אז מ'פארפאטשקעט זיך מיט די ענינים קען מען בלייבן מיט א שווארצע רעקארד לאנגע יארן, האב זיך פארבינדן און אויסגעשמועסט די קעיס מיט לעגאלע עקספערטן, און געטאן וואס מ'דארף צו טאן.

ווי דער סדר אין אזעלכע פעלער איז באשטימט געווארן א טאג אין געריכט, וואו כ'האב געהאפט אז ס'וועט זיך מיט עפעס בעסער אויסלאזן, אין בעסטן אופן כאטש מיט געלטער אפצאלן און פוינטס וכדו'!

אויסער די לעגאלע השתדלות, האב איך אויך געטאן אידישע השתדלות. דער אייבערשטער האט מיר חונן דעת געווען, און איך האב זיך דערמאנט פון די אור-אלטע סגולה נפלאה ובדוקה, אז ווען מ'האט א משפט מיט א גוי, זאל מען מנדב זיין דער מספר פון 19 דאלאר לע"נ דער הייליגער סבא קדישא מראדשיץ רבי ישכר בער בן רבי יצחק ז"ל, און זאגן דער פסוק "כי גוי אובד עצות המה ואין בהם תבונה".

כך עשיתי, איך האב אויספרובירט די הייליגע סגולה און מנדב געווען צדקה לע"נ דעם הייליגן צדיק ופועל ישועות זי"ע, און מיט בטחון און אמונת צדיקים האב זיך געגרייט צו דעם באשטימטן טאג.

ויהי היום, דער געריכטליכער טאג איז אנגעקומען, און... ווי ערשטוינט בין איך געווארן זעענדיג מיט די אייגענע אויגן די מעשה פלא, ווי די חברה זוכן און נישטערן, און ווייסן נישט פון גארנישט! נישטא קיין זכר פון פיילס, פון טיקעטס... און די גאנצע קעיס האט זיך אויסגעלאזט מיט ממש גארנישט!

הרב ל. ס.
ניו יארק

### חפירות אין ראדשיצער ביה"ח!

מיט ארום 12 יאר צוריק זייענדיג אויף די מקומות הקדושים אין אייראפע, האב איך איין נאכט ג'חלומ'ט ווי מ'גראבט אינעם ביה"ח אין ראדשיץ.

איך בין שאקירט געווארן פון אזא אינטערעסאנטער חלום. כ'האב עס איבערדערציילט פאר מיין חבר וואס איז מיטגעפארן מיט מיר, אבער ער האט עס אוועקגעמאכט אלס א "חלום"... אויך איך, וואס כ'האב ביז דעמאלטס נישט געהאט קיין גרויסע שייכות מיט ראדשיץ און איך בין נישט צופיל געווען אויפ'ן ביה"ח, האב שלום געמאכט מיט'ן מצב, אז ס'מיינט לכאורה גארנישט, און מ'זעמיר צוריקגעגאנגען שלאפן.

אויפצומארגנס איז אונז אויסגעקומען נאכאמאל צו רעדן פונעם חלום, און ווי ערשטוינט זענען מיר געווארן, ווען קוקנדיג אינעם לוח, האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'איז פונקט "ח"י סיון", דער יומא דהילולא פון הייליגן ראדשיצער זי"ע!

האמיר ביידע באשלאסן, אז הלא דבר הוא ולאו בכל יומא מתרחיש. מ'האמיר ארומגעטוישט דער געפאלנטער סקעדזשועל און זיך ארויסגעלאזט

אויפ'ן וועג קיין ראדשיץ, מתפלל צו זיין ביים ציון אין טאג פונעם יארצייט.

אנקומענדיג אינעם ביה"ח האב איך פונקט אנגעטראפן נאך אן אויסלענדישער גאסט, א בארימטער עסקן, און איך האב אים איבערדערציילט די אינטערעסאנטע מעשה וואס האט מיך געברענגט קיין ראדשיץ.

זעענדיג ווי ס'איז שוין גארנישט סתם א חלום, און נאר אדאנק דעם האב איך מיך געטראפן אין ראדשיץ אין טאג פונעם יארצייט, האבן מיר באשלאסן אז מ'וועלמיר ארומגיין באטראכטן דעם גאנצן שטח פונעם ביה"ח און זען צי אלעס איז בסדר.

און ווירקליך ניין... ס'איז גארנישט קיין חלום! ביי א פארשטיפטן ווינקל ביים ענק פונעם ביה"ח, וואו מ'קומט געווענליך נישט אָן, האבן מיר געטראפן שטיין א טרעקטאר, וועלנדיג אויסגראבן און אוועקנעמען זאמד פונעם ביה"ח, וואס איז א זעלטענע גוטע און דינע זאמד.

מיר זענען זייער שאקירט געווארן פונעם אנטדעקעניש. מיר האבן זיך גלייך אריינגעלייגט אין די ארבעט און אונטערגענומען די נויטיגע השתדלות, אפצושטעלן די חפירות און האלטן בשמירה דעם ביה"ח.

זייענדיג זייער נתרגש פון די מורא'דיגע מעשה אשר בדידי הוי עובדא, האב איך זיך מקבל געווען, צו פארשאפן יעדעס יאר אין טאג פונעם יאצ"ט א מנין אידן ביים ציון הקדוש, וואס אינטערעסאנט איז צו באמערקן, אז ביי איינע פון די ערשטע מנינים, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז רוב מנין איז באשטאנען פון אידן, וועלכע האבן פערזענליך בייגעוואוינט וואונדערליכע ישועות אין זכות פונעם הייליגן צדיק.

שמואל שפיטצער
קרית יואל

## אַן אויסגעבעטן קינד!

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך מיטגעהאלטן א קעיס ביי א פארפאלק פון מיין משפחה, וואס האבן מיטגעמאכט פראבבלעמען בעניני זש"ק. זיי פלעגן שטענדיג דארפן נעמען שווערע מעדיצינען, און זיי האבן געהאט אסאך צער און עגמת נפש ביים מעמיד זיין דורות.

זייענדיג א בעל העובדא פון א ראדשיצער מופת, האב איך מייעץ געווען דעם יונגערמאן, אז ער זאל ארויספארן קיין ראדשיץ מתפלל צו זיין ביים ציון, און אפשר אין דעם זכות וועט ער געהאלפן ווערן.

אזוי האט ער טאקע געטאן, ער האט אונטערגענומען די רייזע, און בזכות פונעם הייליגן צדיק, האבן זיך זאכן אנגעהויבן דרייען חוץ לדרך הטבע. ער האט זוכה געווען צו וואונדערליכע ישועות, און ביז עטליכע חדשים דערויף, זוכה געווען ב"ה צו א געזונט לעבטיג קינד.

ש.ש.
קרית יואל

## וישם דבר בפיו...

זייענדיג איינע פון די יארן אויפ'ן ציון הקדוש אין טאג פונעם יארצייט ח"י סיון, האב איך געהערט פון איינער פון די אנוועזנדע א מורא'דיגע ישועה וואס ער האט פערזענליך בייגעוואוינט אין זכות פונעם הייליגן ראדשיצער.

עס האט ביי דעם איד פאסירט, אז איינער פון זיינע קינדער האבן ל"ע אויפגעהערט צו רעדן צוליב א שרעקליכע פחד און איבערלעבעניש וואס דאס קינד האט בייגעוואוינט.

דער איד איז געווען זייער דערשראקן און פארלוירן. ער האט זיך שטארק געפלאגט מיט'ן קינד און געגאנגען צו פארשידענע גרויסע דאקטוירים און טעראפיסטן, אבער קיינער האט נישט צופיל געקענט העלפן.

הערנדיג ווי עד היום הזה פועל'ן אידישע קינדער געוואלדיגע ישועות אין זכות פונעם הייליגן צדיק הסבא קדישא הרה"ק רבי ישכר בער מראדשיץ זי"ע, האט דער איד באשלאסן אז ער וועט פערזענליך פארן קיין ראדשיץ, איינצורייסן און מתפלל זיין ביים ציון הקדוש אין טאג פונעם יארצייט, וואס כידוע קען מען אין אזא טאג גאר אסאך פועל'ן.

דער איד האט זיך דארט אויסגעוויינט און מזכיר געווען זיין בקשה, און די ישועה האט ב"ה נישט געשעפעטיגט... א קורצע צייט דערויף, נאך זייענדיג אין ראדשיץ, האט ער באקומען א פרייליכע מעלדונג פון אויסלאנד, אז זיין קינד האט ב"ה צוריק אנגעהויבן צו רעדן כאחד אדם.

## כי מקח טוב נתתי לכם...

ס'איז מיר אמאל אויסגעקומען אז צוליב פריוואטע צוועקן האב איך געזוכט אפצוקויפן א געוויסע פראפערטי, וואס וואלט מיר זייער צוניץ געקומען און געווען א טובה. דער בעה"ב האט אבער נישט מסכים געווען, און וויפיל איך האב נאר פרובירט איז עס נישט געגאנגען, און איך האב געהאט דערפון עגמת נפש.

אין יענע טעג בין איך געווען אויפ'ן ציון הקדוש אין ראדשיץ, האב איך פארגעלייגט מיין בקשה פאר'ן הייליגן צדיק, און מתפלל געווען אויף הצלחה אין דעם ענין, אז אלעס זאל זיך מיר פירן כשורה.

והיה לפלא, ווי א קורצע צייט דערויף באקום איך א טעלעפאן קאל פון יענעם, אז אזוי ווי ער איז יעצט אנגעוויזן אויף א גרויסן סכום געלט, איז ער מסכים מיר צו פארקויפן דעם שטח אויב איך ברענג אים דאס געלט ביז א געוויסע קורצע דאטום.

דער אייבערשטער האט געהאלפן, אז פונקט דעמאלטס האב איך געהאט גרייט דעם פארלאנגטן סכום. אינטערעסאנט איז אויך געווען, אז צווישן די פילע טשעקס האב איך געהאט א טשעק פון ישיבה תורת אמת ד'ראדשיץ אויפ'ן נאמען פונעם הייליגע'ן ראדשיצער, אזוי אז פון אלע סימנים האב איך קלאר געזען, ווי די ישועה קומט בכוחו ובזכותו פונעם הייליגן צדיק רבי ישכר בער מראדשיץ זי"ע.

ר. ה. ש.
ברוקלין




## "ראדשיצער ישיבה" – א פועל ישועות!

געווען איז דאס פארגאנגענעם זומער, ווען די ראדשיצער ישיבה האט אפגעראכטן א פריוואטע מסיבה אין מאנסי לטובת הישיבה. אין די שפעטע נאכט שעה, עפענט זיך דער טיר און ס'קומט אריין א פרעמדער איד, נישט פון אונזערע קרייזן, און זעצט זיך צום טיש כאחד המסובין, און ער שרייבט אויס א טשעק אויף א שיינעם סכום געלט.

זיין ערשיינונג, בפרט אין אזא שפעטע שעה האט ארויסגערופן וואונדער, בו בזמן ווען מ'האט בכלל נישט ארויסגעהאנגען מודעות ביי פרעמדע קרייזן, און אפילו נישט געמאכט קיין גרויס עסק ביים היימישן ציבור, אלזא וויאזוי האט ער געוואוסט אהערצוקומען?!

האט דער ראש הישיבה הרב יחזקאל יהודה סג"ל גליקמאן שליט"א זיך גענומען דער מיה, און ער איז צוגעגאנגען צום איד פרעגנדיג: "אויב מעג איך פרעגן, וואס האט אייך אהערגעברענגט?"

ענטפערט דער איד: "אז איר פרעגט וועל איך אייך זייער גערן פארציילן". דערציילט ער: "איך האב שוין אסאך געהאט געהערט און געליינט פונעם הייליגן רבי ישכר בער מ'ראדשיץ זי"ע.

"מיט א יאר צוריק איז מיין ניס ל"ע דיאגנאזירט געווארן מיט די ביטערע מחלה רח"ל, און דער מצב איז געווען זייער מסוכנ'דיג, בין איך דירעקט געפארן מתפלל זיין אויפ'ן הייליגן ציון. עס איז אויסגעקומען כ"א אדר, און אנשטאט צו גיין צום ציון פון רבי ר' אלימלך זצ"ל, בין איך געפארן צום ציון פון הייליגן ראדשיצער זי"ע, און איך האב מיך דארט גוט אויסגעוויינט און געבעטן אז די מאמע פון א שטוב מיט קינדער קע"ה זאל האבן א רפואה שלימה. איך האב מיך אויך אונטערגעזונגען דארט דעם באקאנטן ראדשיצער התעוררות ניגון.

ב"ה אז קורץ דערנאך איז דער מצב אסאך בעסער געווארן, און זי איז ארויס מגדר סכנה.

פארציילט דער איד וויטער: "איך געפין זיך יעצט דא אונטערוועגנס, און איך בין פערצאפאל ארייגעפאלן דא און מאנסי, בין איך געגאנגען דאווענען מעריב אין איינע פון די גרויסע חסיד'ישע שולן אין שטאט.

"אזוי ווי דער מצב האט זיך דארט אין שטוב לייעדר שטארק פארערגערט און די לעצטע צוויי וואכן און זי דארף א גרויסע ישועה, האב איך אזוי ביי שמו"ע געטראכט אז איך וואלט זייער געוואלט עפעס טון פאר'ן הייליגן ראדשציער זי"ע, אז איך זאל דורכדעם האבן א ישועה. אזוי האב איך געטראכט ביי שמו"ע, און עס האט מיך זייער צובראכן, נישט קענענדיג טראכטן וואס איך זאל יעצט קענען טון לכבודו אז מיין ניס זאל דורכדעם האבן א רפואה שלימה. "איך ענדיג דאווענען מעריב, און פונקט גייט מיר פארביי א יונגערמאן, און ער גיט מיר איבער א קארטל, וואס איך האב אפגעליינט אז היינט נאכט קומט פאר א מסיבה פאר א ראדשיצער ישיבה...

"אזא אפענער ווינק פון הימל, אויף דעם האב איך מיך נישט געראכטן. איך קען ניטאמאל די ישיבה, איך האב קיינמאל נישט געהערט פון זיי, אבער ס'איז זיכער א צייכן אז כ'דארף נישט צו וויט פארן, איך קען דא אין געציילטע גאסן אוועק פועל'ן א ישועה בזכות דעם הייליגן ראדשיצער. וויאזוי האב איך דאס געוואוסט? וויל עס איז מיר געווארן זייער וואונדערליך די גאנצע געשיכטע: ערשטנס, וויל וואס זוך איך יעצט דא און מאנסי? איך בין דאך פון קיו גארדען הילס, און צווייטנס, פונקט האב איך זיך מיישב געווען אז איך בלייב דא דאווענען מעריב, און פונקט אין א חסיד'ישן ביהמ"ד, און פונקט האט מיך איינער געטראפן און געגעבן א קארטל פון די ראדשיצער ישיבה.

"האב איך אונטערגענומען די טירחא און צוגעפארן צו די מסיבה אפילו שפעט ביינאכט. דערפאר בין איך דא".

ע"כ וואס דער איד האט פארציילט ביי די מסיבה.

די מעשה גייט נאך וויטער. מיט עטליכע חדשים דערויף איז געלונגען פאר'ן ראש הישיבה שליט"א זיך צו פארבינדן מיט דעם איד צו הערן איבער'ן מצב אין די משפחה, האט דער איד פארציילט מיט התרגשות, אז אדאנק זיין נדבה פאר'ן ראדשיצער ישיבה איז ב"ה דער מצב צוריק בעסער געווארן.

ברוך מאסקאוויטש
פאראקוועי

## 8 מינוט

פאגאנגענעם חודש ניסן, האט מיר איינער געבעטן ארויס צו שיקען אפאר ענוועלאפס, און איך האב געהאט געבארגט זיין סעלפון. בין אין געגאנגען צום פאסט קעסטל, האב איך בטעות אריינגעלייגט די סעלפון צוזאמען מיט די ענוועלאפס. איז וואס זאל מען טוהן? קוק איך אויף די סקעדושאל צעטיל אויף די פאסט קעסטל, זעה איך אז די טראק איז שוין דא געווען אויף די היינטיגע טאג, זעה איך אז עס גייט דורך א פאסט טרעגער, שטעל איך איהם אפ, און איך זאג איהם וואס עס איז געשעהן, האט ער זיך אנטשולדיגט אז ער קען דאס נישט טוהן, סתם אזוי עפענען, וויל ער קען ווערן געפייערט פינעם דשאב. זייענדיג פארלוירן, האב איך געניצט די אלטע באקאנטע סגולה און צוגעזאגט געלט פאר די ראדשיצער ישיבה, לע"נ רבי ישכר בער בן רבי יצחק זי"ע. גייט נישט דורך קיין 8 מינוט זעה איך ווי עס קומט אן א פאסט טרעגער, גייט צו, מאכט אויף די פאסט קעסטל נעמט ארויס "נאר" די סעלפון, און אהן קיין ווארט גייט ער וויטער.

ח.מ.ס.
וויליאמסבורג יצ"ו

## עירפארט קאנטראל – שנעלער וואו געראכטן

איך בין געקומען קיין אמעריקא פון לאנדאן, צוזאמען מיט מיין חבר. פאר איך בין ארויסגעפארן רוף איך אן מיין ברידער, און אפגעמאכט אז ער גייט מיר קומען אפפיקען פינעם עירפארט, האט ער געזאגט אז ער איז זייער פארנומען און אז ער יאגט זיך, האט ער געבעטן אז ווען איך קום אן זאל איך עס מאכן שנעל. אנקומעדיג, זענען אנגעקומען נאך 3 פליגערס, און עס איז געווען א לאנגע רייע מיט מענטשען ביי די "עריפארט קאנטראל", פאר מיר, האב איך געזעהן אז איך וועל עס נישט קענען מאכן אין צייט, און מיין ברודער וועט מיזן צוריק אהים גיין נאך פאר איך קום ארויס. האב איך צוגעזאגט א סכום פאר די ראדשיצער ישיבה לע"נ די הייליגער ראדשיצער זצוקללה"ה אז עפעס זאל דא פאסירן. גייט דורך אפאר מינוט קומט צו, צו אונז א "עירפארט פאליס" און זאגט "די – אין די" (מיר און מיין חבר) קומט'ס אהער, האב איך אנגעהויבן מורא האבן, די חברה קענען דאך אויפהאלטן זייער לאנג, נעמט ער אונז אנפאנג ליין און זאגט עפעס פאר דער וואס סטעמפט די פאספארטן, און דער וואס סטעמפט זאגט, "איר גייט שוין יעצט". ויהי לפלא.

ש.א.ב.
לאנדאן

## ב"ה, נתקבל געווארן אין ישיבה

ס'איז געווען מיט בערך א יאר צוריק, און איך האב געזוכט א ישיבה פאר מיין זוהן, וויל די ישיבה וואו ער האט געלערנט האט זיך פארמאכט. זייענדיג פארלוירן – אהן א ישיבה, האב איך געזוכט א קליינע געשמאקע ישיבה וואס גיבט אריין א שטארקע חיות אין די בחורים און בפרט אין יר"ש און מידות טובות. האב איך זיך אינטערגענומען אויף א יאר צייט צו צינדען א לעכט לע"נ רבי ישכר בער בן רבי יצחק זצוק"ל. גייט נישט דורך מער ווי א חודש און ער איז נתקבל געווארן און "ישיבת תורת אמת ד'ראדשיץ", וואס איז לשמו ולזכרו.

נ.ב.ח.צ.
בארא פארק


**אל תמנע טוב מבעליו!**

אויב האט איר פערזענליך בייגעוואוינט סיי וואספארא מעשה אדער ישועה בזכות הרה"ק מראדשיץ זי"ע, און איר זענט מסכים דאס מפרסם צו זיין לתועלת הרבים,
(אייער נאמען קען בלייבן אין געהיים ביי די רעדאקציע)

ביטע רופט אריין: 845-783-6710
אדער פעקסט צו: 888-509-7486
אדער אויף בליץ פאסט: yte21cliff@gmail.com

**ויהא חלקך ממזכי הרבים וזכותו הגדול יגן עליכם!**

Typesetting & Graphics:
ProDesign